№ 7 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • לפטער יאהרגאנג. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאכאווער צ...

ערשיינט יעדען פרייטאג.
טשענסטאכאווע, אלעע 6. — טעלעפאן 201.
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, d. 17 lutego 1933 — ליכט-צינדען 4.38 — פרייטאג, פ׳ יתרו כ״א שבט תרצ״ג.

שרה גרונדמאן
מרדכי קויפמאן
חתונה געהאט
אין ראָאן פראנקרייך, דעם 11 פעברואר 1933 יאהר.

צו דער חתונה פון אונזער ליבען זוהן און ברודער
מרדכי קויפמאַן מיט פרל. **שרה גרונדמאַן,**
וועלכע איז פארגעקומען אין ראָאן (פראנקרייך)
ווינשען מיר זיי אונזערע הארציגסטע ברכות.
עלטערן און געשוויסטער.

אונזער פריינד ה׳ **מרדכי קויפמאַן** צו זיין החתונה
מיט פרל. **שרה גרונדמאַן**
ווינשען מזל-טוב
מאַקס שלאָס און **פרוי.**
ראָאן, (פראנקרייך).

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר ה׳ **מרדכי קויפמאַן** צו זיין חתונה מיט פרל. **שרה גרונדמאַן**
די עלטען א סך נחת
ב. באָטשאַן און **פאַמיליע.**

א הארציגען מזל-טוב די פאמיליע **קויפמאַן** צו דער חתונה פון זייער ליבען זוהן **מאַרעק קויפמאַן** מיט פרל. **סאלא גרונדמאַן,** וועלכע איז פאָרגעקומען אין ראָאן, פראנקרייך.
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט
ווינשט **שמחה לאסמאַן.**

אונזער חבר און פריינד, געוו. מיטארבייטער
מרדכי קויפמאַן
צו זיין חתונה מיט פרל. **שרה גרונדמאַן**
ווינשען א גליקליך צוזאמענלעבען
זעצער-פערסאָנאַל
פון „טשענסט. צייטונג".

א הארציגען ווארימען דאנק
דריקען מיר אויס דעם **דראַמאַטישען קרייז** ביים **„טאָז"** און דעם רעזשיסער ה׳ **א. פרץ** פאר זייער פריוויליקער אדורכפיהרען די רעווי לטובת אונזערע פרץ-שולען, **דעם 11 פעברואר ד. י.**
בעזונדער דאנקען מיר די אלע **פריינד** און **חברים,** וואס האָבען מיט זייער אקטיווער ארבייט מיטגעווירקט צום ערפאָלג פון דער אונטערנעמונג.
פערוואלטונג פון דער יודישער שול-אָרגאַניזאַציע, אַבּט. אין טשענסטאָכאָוו.

ברילען און בינאָקלען
רעיעל אויסגעפיהרט לויט די רעצעפטען פון די ה״ה אָקולּיסטען
קויפט יעדער איינער נאָר אין
Optyk Medical, Aleja № 31
וועלכע איז גאראנטירט, אז ער בעקומט רעיעלע און גוטע גלעזער
צו זעהר מעסיגע פרייזען.
גלייכצייטיג בין איך מודיע, אז איך האָב געעפענט
אַנ׳עלעקטרישע שלייפעריי,
וואו איך נעם אָן צו שלייפען כירורגישע געגענשטענדען, ווי:
ברִיטוועס, שערלעך א. א.
זעהר סאָלידע אויספיהרונג. — — איבערצייגט אייך.

Dyplomowana nauczycielka
jęz. angielskiego
po powrocie z Londynu udziela lekcji i konwers. metodą uczelni zagranicznych szybko i praktycznie. Ceny b. przystępne Adres: ENGLÓWNA, Aleja Wolności 27.

Dom 3 piętrowy,
TANIO i na dogodnych warunkach
zaraz do sprzedania.
Zamienię również na mniejszy.
Wiadomość ul. Nadrzeczna № 88.

Potrzebna inteligentna panienka do 6-cio letniej dziewczynki na popołudnie
Goldstein, II-a Aleja 32.

POKÓJ
z używalnością kuchni oraz łazienki wyłącznie dla Pani DO WYNAJĘCIA
Wiad. w redakcji

עסיג צום קאָכען, צום טיש און פראַנצויזישער וויין-עסיג
די בעסטע סאָרטען עסיג צו אַלערליי מאכלים
פון דער פאַבריק: LUDWIK SPIESS i SYN S. A. w Warszawie

Ruta Kolchorówna — **Majorek Zieliński**
ZARĘCZENI
Częstochowa. w lutym 1933 roku.

Z intencji zaręczyn k. brata naszego i szwagra MAJORKA ZIELINSKIEGO z p RUTĄ KOLCHORÓWNĄ życzymy, aby gwiazda szczęścia była nieodstępną towarzyszką Ich życia
Lewkowi zowie i Karola z Narzeczonym.

צו דער תנאים פון אונזער ליבען זוהן און ברודער
מאיר זיעלינסקי מיט פרל. **רוטא קאָלכאָרע**
אונזערע הארציגסטע ברכות
עלטערן און **געשוויסטער.**

מיר ווינשען א הארציגען מזל-טוב אונזער שוואגער **העניך זשעלינסקי** צו דער תנאים פון זיין ליבען זוהן **מאיר** מיט פרל. **רוטא קאָלכאָרא.**
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט **פאמיליע לענקינסקי.**

JULJA GLAZERÓWNA — **MIETEK KIELCZYGŁOWSKI**
ZARĘCZENI
Częstochowa w lutym 1933 r

צו דער תנאים פון אונזער ליבען זוהן **מרדכי הירש קעלציגלאָווסקי**
מיט פרל. **יהודית גלאזער**
אונזערע הארציגסטע ברכות **די עלטערן.**

צו דער תנאים פון אונזער ברודערן-זוהן **מרדכי הירש קעלציגלאָווסקי**
מיט פרל. **יהודית גלאזער**
אונזער הארציגסטען מזל טוב און א גליקליכע צוקונפט
ווינשען **בעריל קעלציגלאָווסקי, פרוי** און **קינדער** דאנציג.

צו דער תנאים פון אונזער ליבען ברודער **מיעטעק קעלציגלאָווסקי**
מיט פרל. **יולא גלאזער** אונזער הארציגסטען גליקוואונש.
זאל זייער לעבענס-וועג זיין בעשטראהלט מיט די הערליכע זונען - שטראהלען פון גליק און צופרידענהייט
איצעק בער, משה און **ירחמיאל קעלציגלאָווסקי.**

מזל-טוב צו דער פערלאָבונג פון אונזער ברודער און שוואגער
מרדכי הירש קעלציגלאָווסקי מיט פרל. **יהודית גלאזער.**
זאָל זייער צוזאמענלעבען זיין א גליקליכער און צופרידענער
קאָפיל מצליכאָוויטש און פרוי, משה לאסמאן און פרוי.

טעאטער קאַמעראַלני. מאנטאג, ד. 20 פעברואר
האלב 9 א זייגער אָווענד
חיה׳לע גראבער
אין ליעדער און דראמע.
נייער רעפערטואר:
פאָלקס-בילדער, קינדער-לעבען, חסידישע נגונים, בילדער און ליעדער פון אָריענט.
בילעטען שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה׳ באָטשאן, אלעע 6.

ציוניסטען-רעוויזיאָניסטען-פערבאנד אין פוילען
אַבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.
מאָרגען, שבת - צונאכט, ד. 18 ד. ח. 8 אווענד
קומט פאר **אין זאל „ראָזמאיטאָשטשי"** קאטעדראלנא 13
א רעפעראַט
פון בעוואוסטען ציוניסטישען עסקן ה׳ **יוסף קלאַרמאַן**
א. ד. ט.: **„דער וועג צו א יודישער מלוכה".**

FABRYKA MEBLI GIĘTYCH
A. E. SZMULEWICZ
Spadkobiercy
Częstochowa, Narutowicza № 19/23

עקזיסטירט פון 1886 י.
מאכט בעקאנט, דאס די פאבריק איז לעצטענס איבערגעטראגען געוואָרען אויף
נארוטאָוויטש גאס נר. 19,23,
וואו איהר בעקומט אלערארט
געבויגענע מעבעל ווי: **שטוהלען, אומיוואלקעס, וויעשאקעס** פערשידענע פאסאָנען **טישען** אויך **גארניטורען**
אלעס צו פאבריקס-פרייזען. הורט און דעטייל.
געדענקט די פירמע **א. ע. שמולעוויטש,** נארוטאוויטשא 19|23.

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל אונזער מחותנת׳טע און די גאנצע **פאַמיליע סרעברניק** צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער טייערען זוהן, ברודער און מאַן
יוסף שלמה נ״ע
זאָל זיי גאָט טרייסטען!
ישראל ווײַנער
ש״ץ ראשי בקיעלץ
און פאמיליע.

דאָרא פרידמאַן — פינקוס פעיסאַק
תנאים געשריבען
טשענסטאכאוו, אין פעברואר 1933 י.

צו דער תנאים פון אונזער ליבען זוהן **פינקוס פעיסאַק**
מיט פרל. **דאָרא פרידמאַן** אונזערע הארציגסטע ברכות.
עלטערן און געשוויסטער.

M. ROZEN, Częstochowa, ALEJA 9
מאכט בעקאנט דעם ג׳ פובליקום
אז די פאבריק פון טוך און קאָרטען
פון דער בעקאנטער פירמע
JÓZEF RAPAPORT i S-ka w BIELSKU
האט געעפענט ביי מיר א פאבריקס-סקלאד פון זייערע אויסארבייטונגען, די בעסטע סאָרטען און די נייעסטע מאָדעלען,
וועלכע ווערען פערקויפט צו פאבריקס-פרייזען.
מיט אכטונג **מ. ראָזען.**

קמח פסח
מובחר מן המובחר
למהדרין מן המהדרין
מאת הרחיים
Hermannmühlen S. A. Poznań
תחת השגחת הרה״ג **צדיק לסיימ** מוה״ר **אהרן לעווין** שליט״א אבד״ק **רזשעשאָוו.**
בהזמנות לפנות אל
A. Herziger, Będzin, Telef 4-37.

די אלע, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער נישט פערגעסענע, הייס-געליעבטע **פרוי** און **מוטער**
נ״ע גיטל אסתר
יאקובאוויטש
וועלכע איז פארגעקומען פרייטאג, ד. 10 פעברואר 1933 י.
(י״ד שבט תרצ״ג)
און אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד, דריקען אויס דעם הארציגסטען דאנק
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
מאן, זוהן, טעכטער און פאמיליע.

Koleżance naszej NINCE JAKUBOWICZ z powodu zgonu
MATKI Jej
składają wyrazy głębokiego współczucia
JADZIA, LUTEK, HENIEK, RYSIEK.

נאטיצען.

[illegible] געגנער".

[illegible] יִדישע קאלא אין סיים האט גע-[illegible]עגען דעם בודזשעט פון דער [illegible] איז פארגעשטעלט געווא-[illegible]

[illegible] ערשטע מאל — ערק-לע[illegible] — זינט דער פוילישער סיים עקזיסטירט, און צוזאמען מיט דעם סיים די יודישע קאלא, אז די יודישע דעפוטאטען זאלען שטימען געגען בודזשעט, עס האט העכסטענס געטראפען אז די קאלא האט זיך אבגעהאלטען פון שטימען, אבער שטימען אפען געגען, דאס הייסט שטעלען זיך אויף דער זייט פון דער אפאזיציע האט נאך קיינמאל נישט געטראפען.

און וואס בעווייזט דאס?

נישט אז די יודישע פערטרעטערשאפט אין סיים איז געווארען מעהר רעוואלוציאנער, נישט אז זי האט זיך פעראייניגט מיט דער אפאזיציע וועלכע שטרעבט אומצוווארפען די יעצטיגע רעגירונג, דאס זענען אלץ זאכען פון וועלכע די יודישע סיים-פארשטעהער זענען זעהר ווייט. מיר ווייסען גאנץ גוט אז די יעצטיגע רעגירונג איז פאר אונז די בעסטע פון די אלע וואס האבען געהערשט אין פוילען זינט דאס איז געווארען זעלבסטשטענדיג, און ס'קען קיינעם נישט קומען אויפ'ן געדאנק אז מען זאל זיך וואונשען דאס די אפאזיציע, וועלכע האט אונז שוין געוויזען איהרע נעגעל בעת זי האט געהערשט, זאל קומען צו דער מאכט.

אויב די יודישע סיים-קאלא, און דאסמאל אין איהר גאנצען קאמפלעט, האט בעשלאסען צו שטימען געגען דעם רעגירונגס-בודזשעט, קען דאס אונז דינען אלס א גרויסען און ביטערן וועהגעשריי פון דעם פוילישען יודענטום וועלכעס שמאכטעט אונטער דער שווערער לאסט פון הערשענדען קריזיס און אלס פראטעסט געגען דעם בודזשעט, וועלכער שטעלט זיך צונויף פון הכנסות אין וועלכע די יודען נעמען א זעהר גרויסען אנטייל, איבער זייער נארמע און פיעל העכער ווי זייערע כוחות, און דאביי ווערען די יודישע בעדערפנישען נישט בעריקזיכטיגט אין מינימאלען זין.

ס'איז צו האפען, אז די מאסגעבענדע ספערען וועלען דאס פערשטעהן און זיך בעמיהען צו לינדערן מיט וואס מעגליך די יודישע נויט, און צו לייכטער מאכען די עקזיסטענץ פון די יודישע קולטורעלע און עקאנאמישע אנשטאלטען.

„אופאמניעניעס".

וויפיעל מיר האבען זיך שוין נישט אנגעהערט וועגען הנחות, וואס זאלען געמאכט ווערען בנוגע די פערלעגענע שטייערן וועלכע דערגרייכען אין אונגעהויערע סומעס, און וועלכע די בירגער זענען ביי קיין פאל נישט אומשטאנד אריינצוטראגען, איז פון אלעם פארלויפיג גארנישט געווארען.

און פערקעהרט, די שטייער-אמטען זוכען איצט אויס די פערלעגענע שטייערן פון עטליכע יאהר צוריק וואס מענשען זענען שולדיג, און מען שיקט ארויס די אזוי-גערופענע „אופאמניעניעס", וועלכע דערמאנען דעם שטייער צאהלער אז ער איז שולדיג אזא און אזא סומע פערלעגענעם שטייער.

און דאס איז נישט בלויז קיין דערמאנען, נאר דערביי איז בעוואוסט אז אויב דער בעטרעפענדער צאהלט נישט איין די געגעבענע סומע אין משך פון 14 טעג נאכ'ן ערהאלטען די אופאמניעניע קומט צו איהם דער סעקוועסטראטאר און טהוט וואס ער דארף.

עס בעקומען די דאזיגע איינלאדונגען אזעלכע מענשען, וועלכע האבען נישט אין זייער גאנץ „פערמעגען" אפילו דעם קלענסטען טייל פון דער סומע וואס ווערט פון איהם געפאדערט, עס איז אויך איבריג צו זאגען אז די אנגעגעבענע סומעס זענען עפ"י רוב נישט ריכטיג, און דער צאהלער איז נישט אומשטאנד נאך עטליכע יאהר אויפצוווייזען אז א וועלכע ס'איז סומע האט ער פאקטיש שוין בעצאהלט, ווייל ער האט נישט אזוי לאנג געהיטען די קוויטונגען פון שטייער-אמט, און די מענשען ווערען פשוט פערצווייפעלט, ווארום נישט געגוג וואס זיי האבען זיך צו מוטשען מיט די לויפענדע שטייערן וועלכע זיי זענען אויך נישט אומשטאנד צו דעקען, קומט מען נאך מיט די דאזיגע פערלעגענע חובות וועלכע ער האט שוין בכלל נישט גערעכענט, מיינענדיג אז מען האט זיי שוין געשטראכען, אדער אז מען וועט זיי שטרייכען, און וואס זאל ער טהון? פון וואנען זאל ער פארט נעמען די סומע וועלכע איז ביי איהם אזא קאלאסאלע?

עס זענען אונז בעקאנט פאקטען פון מענשען ארימע, הונגעריגע און קראנקע וועלכע האבען נאך קוים די נשמה אין זיך און דא האבען זיי בעקומען צו בעצאהלען א אלטען חוב, ווייל מען האט געפונען אז ער האט עפיס א אלטע שאנק נאך פון דער חתונה, מיט 30 יאהר צוריק און דער צווייטער האט אנ'אנדער שטיק מעבעל וואס איז ווערט עובר לסוחר א פאר גילדען.

און וואס קען פון דעם ווערען? אמת די וואס בעקומען די „אופאמניעניעס וועלען רואינירט ווערען, ווען נאכ'ן טערמין וועט צו זיי קומען דער עקזעקוטאר, אבער צי דער שטייער-אמט וועט קענען עפיס איינקאסירען פאר זייערע צובראכענע כלי-בית איז ליידער א גרויסע פראגע.

י. פ.

צו אלע יודען אין פוילען!

יודען, ציוניסטען!

אין א זעהר שווערען מאמענט פאר'ן יודישען פאלק אין דער גארער וועלט, אין א מאמענט ווען אין א גאנצע רייהע לענדער קומען פאר אטענטאטען אויף אונזערע פאליטישע, נאציאנאלע און פשוט'ע מענשליכע רעכט, אין א מאמענט, ווען אונזער עקאנאמישע לאגע געפונט זיך אין א קאטאסטראפאלע און ערנסטע סכנה — אין דעם דאזיגען מאמענט, ווענדען מיר זיך צו אייך, יודען אין פוילען, מיט דעם רוף:

— פערגרעסערט די רייהען פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע און העלפט מיט צום קאמף און צום בויען דאס פרייע יודישע ארץ-ישראל!

ווערט מיטגלידער פון דער מעכטיגער בעוועגונג אינ'ם יודישען פאלקסלעבען, איבער וועלכער עס פלאטערט די ציוניסטישע בעפרייאונגס-און אויפלעבונגס-פאהן!

קויפט אויס דעם שקל!

אין דער דאזיגער שווער-געפרובטער שעה פאר'ן יודישען פאלק, זענען מיר עדות, ווי אלס ענטפער אויף אונזער ערשיטערנדען מצב, האט ארץ-ישראל אויסגעשפרייט איהרע ארעמס, בכדי אויפצונעמען מיט מוטערליכער ליבע א גרעסערע צאהל פון איהרע זיהן און טעכטער.

ארץ-ישראל איז ביים איצטיגען מאמענט די איינציגע שטראהל פון האפנונג אין אונזער שווערען און ביטערען גלות-לעבען.

אינמיטען א וועלט וואס איז פול מיט רעפרעסיע, וואקלדיגקייט און אונזיכערקייט, איז ארץ-ישראל איינס פון די לענדער, וואו מ'געפונט גליק פון פאזיטיווער און שעפערישער ארבייט און הארציגע פרייד פון נאציאנאלער ערוואכונג און אויסלייזונג.

א מעכטיגער עליה-שטראם, גאנץ בעזונדער פון די יודען אין פוילען, רייסט זיך איצט קיין ארץ-ישראל. נישט אינ'ם לאנד און נישט אין דער בעוועגונג, וועלכע בויט דאס לאנד איז די שולד, וואס עס קען נישט ערפולט ווערען דער רצון פון די אלע, וועלכע לעכצען צו עליה קיין ארץ-ישראל. צו די פון וועלכע דאס איז אבהענגיג דארף דערגעהן דער מעכטיגער אויסדרוק פון דעם שטארקען רצון צו עליה, וואס הערשט איצט ביי די יודישע מאסען, אהן אונטערשיעד פון שטאנד און אהן אונטערשיעד פון קלאס.

דאס וועט אבער נישט געשעהן דאדורך, וואס איהר וועט בעלאגערן די ציוניסטישע ארגאניזאציעס, אינסטיטוציעס און פאלעסטינא-אמט דאס קאן געשעהן, נור ווען איהר וועט דעמאנסטרירען פון דער ציוניסטישער קאנגרעס-טריבונע, אז די בעוועגונג, וועלכע האט די בכבוד'ע, אבער שווערע אויפגאבע, צו רעפרעזענטירען די ציוניסטישע אידעאלען און תביעות, רעפרעזענטירט דאס גאנצע יודישע פאלק. דער דאזיגער בעווייז קאן געבראכט ווערען צום אויסדרוק, נור דורך דער צאהן שוקלים.

קויפט אויס דעם שקל.

מיר דערנעהנטערען זיך צום 18-טען ציוניסטישען קאנגרעס, וועלכער וועט האבען צו בעשלוסען איבער זעהר וויכטיגע, פונדאמענטאלע בעשלוסען, בנוגע דעם ארץ-ישראל-אויפבוי, אייער דעה איבער זייער לעזונג זאל משפיע זיין, קען געשעהן נור דורכ'ן אויסקויפען דעם שקל.

קויפט אויס דעם שקל!

דער 10-טער ציוניסטישער קאנגרעס דארף מיט זיך פארשטעלען די שטארקסטע און אימפאזאנטסטע דעמאנסטראציע פונ'ם ארגאניזירטען יודישען פאלק פאר זיין בעפרייאונג און פאר דער ווידעראויפלעבונג פון ארץ-ישראל, העלפט זשע דעריבער מיט, אז דער קאנגרעס זאל ווירקליך מיט זיך פארשטעלען די רעפרעזענטאנץ און רעדען אינ'ם נאמען פון די מיליאנען יודען, וואס זייערע אויגען זענען איצט געווענדעט קיין א"י.

קויפט אויס דעם שקל!

יודען, ציוניסטען!

בעווייזט פאר דער גאנצער וועלט, אז דאס פוילישע יודענטום, דער גרעסטער יודישער קבוץ אין אייראפא, שטעהט פעסט, אייניג און ענטשלאסען פאר דער בעפרייאונג און אויפבוי פון דאס יודישע א"י.

קויפט אויס דעם שקל!

ערוועדבט אייך וואהל-רעכט צום 18 ציוניסטישען קאנגרעס!

קויפט און פערשפרייט דעם שקל תרצ"ג!

צענטראלער שקל-קאמיטעט אין פוילען.

פארזיצער (—) מ. טעמקין.

ווארשא, שבט תרצ"ג.

די ענגלישע קראנקהייט

בעקומט מען צוליב מאנגעל פון זון און A און D וויטאמינען. עס איז לייכט צו פערשטיין אז דער נארוועגישער לעבערטראן מיט זיין איינציג פערהאנדענעם סכום פון וויטאמינעס A 500 און D 200–250 וויטאמינעס פרא גראם) קען נישט איבערשטיגען ווערען אלס קרעפטיגונגסמיטעל פאר קינדער. דער נארוועגישער לעבערטראן שיצט אויך דעם קערפער געגען אנשטעקיגע קראנקהייטען און פערורזאכט דאס וואקסען פון געזונדע ציין.

נארוועגישער לעבערטראן

די ענטלאפענע. (41

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

(פארטזעצונג).

דערווייל האט קהל שוין געהאט אבגעהאלטען א זעהר קורצע אסיפה און שנעל בעשלאסען, אז מען זאל די קריסטליכע פייערלעשער נישט אריינלאזען אין דער געטא. זיי, די יודען, האבען שוין געהאט ערפאהרונגען אין אזעלכע זאכען, און זיי האבען צו גוט געוואוסט אז דאס ערשטע וועט זיין, אז דער ווילדער המון וועט זיך נעהמען צום רויבען און אוועקצושלעפען יודיש האב און גוטס און אויך האבען זיי די יודען נאך אלץ געהאפט, אז זיי וועלען אומשטאנד זיין צו לעשען דאס פייער מיט אייגענע כחות.

און ביז די גויים האבען מיט געוואלד אויסגעהאקט די פעסטונג און זעהר שטארקע טויערען פון דער געטא איז שוין צום לעשען געוועזען פיעל צו שפעט. דאס פייער האט זיך מיט א טייוועלדיגער שנעלקייט פערשפרייט איבער דער גאנצער געטא און עס איז שוין קיין רעטונג מעהר נישט מעגליך געוועזען.

פולע פיער און צוואנציג שעה האט געדויערט דאס דאזיגע שרעקליכע פייער, פון דער גאנצער יודישער געטא איז בלויז פערבליבען א בארג אש און שטיינער, פון אלע הונדערטער הייזער איז בלויז פערבליבען איין איינציגעס הינטער-הייזעל, וועלכעס איז געשטאנען נישט ווייט פונ'ם יודישען בית-הקברות, ביי די מויערען פון דער געטא.

דער ווינד איז געווען — ווי מיר האבען שוין פריהער געשריבען — א זעהר שטארקער און ווילדער, און אלע זאכען, וואס מען האט נאר געקענט רעטען און אוועקטראגען א ביסעל ווייטער, האט דער ווינד געבראכט גאנצע סנאפעס פונקען פייער און אויך זיי זענען געווארען א רויב פון די פלאמען.

אלע יודישע איינוואוינער פון פראנקפורט זענען שרעקליך פעראָרימט געווארען. מענשען, וועלכע זענען ערשט מיט עטליכע שעה צוריק געוועזען רייך, אדער פערמעגליך, האבען נישט געהאט וואו דעם קאפ אוועקצולייגען, אדער אפילו אויף דעם ערשטען שטיקעל ברויט.

דער שטאדטישער מאגיסטראט האט דאמאלס געטהון וואס ער האט נאר געקאנט. אין אזא שרעקליכער עת צרה האבען די גויים גאר פערגעסען אין זייער אלטער פיינדשאפט צו די יודען און ארומיגע פריצים פון שטעדט און דערפער האבען צו זיך אריינגענומען א היבש ביסעל פראנקפורטער יודען און זיי געגעבען די ערשטע הילף און אויך די געלעגענהייט א שטיקעל לעבען צו מאכען...

עס זענען אין געטהא אויפגעשטעלט געווארען הילצערנע ביידלעך צום וואוינען פאר די נשרפים, אבער זיי האבען דארט זעהר שווער געקענט וואוינען צוליעב די קעלטען וואס האבען זיך אריינגעריסען אין די הילצערנע כאטעס, אבער די קריסטליכע איינוואוינער פון פראנקפורט, וועלכע האבען זעהר פיינט געהאט די יודען, האבען זיך פארט איבערנומען מיט דעם שרעקליכען אומגליק וואס האט די יודען געטראפען, און זיי אליין האבען זיך געסטארעט אז דער מאגיסטראט זאל ערלויבען נעוויסע פריוויליגירטע יודען צו וואוינען אויסער דער געטהא, א געוויסע צייט ביז ס'וועלען אין געטהא צוריק אויפגעבויט ווערען די אבגעברענטע הייזער.

די דאזיגע ערלויבניש איז נישט אזוי לייכט געגעבען געווארען, ווייל דער מאגיסטראט האט אליין נישט געקענט אזא זאך דעצידירען, ווארום דאס געזעץ, אז יודען טארען נישט [illegible] וואוינען האט געמוזט געגעבען ווערען פון קעניג אליין.

עס זענען דעריבער אוועק עטליכע וואכען ביז ס'איז אנגעקומען די ערלויבניש פון קעניג אז עטליכע יודען, וועלכע דער מאגיסטראט וועט געפונען פאר פאסיג זאלען מעגען וואוינען אויסער דער געטא אויף א געוויסער צייט.

אויך יעקב משה איז געוועזען צווישען די אבגעברענטע, און ער איז פאקטיש געווען אומגליקליך. זיין גרויס הויז וואס איז געווען גערעכענט פון די גרעסטע אין דער געטא איז אבגעברענט געווארען צוזאמען מיט דעם גרויסען לאגער פון פערשידענע סחורות וואס האט זיך געפונען אין זעלבען הויז. אזוי ארום איז זיין גאנץ גרויס פערמעגען פערוואנדעלט געווארען אין א בארג אש, און ער האט נישט געהאט מעהר ווי די מלבושים וואס ער מיט זיין פרוי האבען געטראגען.

זיי זענען אויך געווען עלענד, קיינעם נישט געהאט, ווייל זייער איינציגע טאכטער איז ווי בעוואוסט געווען אין ווארשא, און די אלע גוטע פריינד וואס האבען זיך שטענדיג ביי איהם געדרעהט, זענען יעצט געווען פערנומען מיט זייערע אייגענע צרות, און יעקב משה מיט זיין פרוי האבען זיך ארומגעדרעהט ווי שאטענס נישט וויסענדיג וואס זיי זאלען אנהויבען צו טהון.

ערשט ווען ס'איז אדורך א געוויסע צייט האט זיך יעקב משה דערמאנט אז עס קומט איהם קליינע חובות ביי עטליכע קריסטען, און ער איז אוועק צו זיי אבנעמען די חובות וואס זיי [illegible]

ווען עס איז אנגעקומען די ערלויבניש פאר א געוויסע צאהל יודען צו וואוינען אויסער דער געטהא האט יעקב משה זיך אנגעהויבען בעמיהען אז אויך איהם זאל געגעבען ווערען די ערלויבניש, ווייל טראץ דעם וואס ער האט זיך נישט געוואלט שיידען מיט זיינע אומגליקליכע ברידער, האט ער אבער געפיהלט אז עס פעהלען איהם כוחות אויסצוהאלטען, און זיין פרוי איז זאגאר קראנק געווארען, און א דאנק זיינע גרויסע בעקאנטשאפטען צווישען די קריסטליכע הויכע ספערען האט ער בעקומען די ערלויבניש צו וואוינען אין דעם קריסטליכען טייל, און באלד האט זיך געפונען איינער פון זיינע קריסטליכע פריינד וואס האט איהם אבגעגעבען א דירה אין זיין הויז, און ער האט זיך דארט אריינגעצויגען.

אזוי ווי ער האט נישט געהאט קיין שום שטוב-זאכען און זאגאר נישט קיין בעט צום שלאפען, האט איהם דער קריסטליכער הויזווירט אויסגעבארגט אביסעל כלי-בית און ער מיט זיין פרוי האבען זיך ווי עס איז איינגעארדענט אז זיי זאלען ווענינגסטענס האבען וואו דעם קאפ אנידערצולעגען.

אבער וואס צו טהון איז נישט געווען, דאס גאנצע יודישע לעבען איז אבגעשטארבען, פיעל יודען האבען אויסגעוואנדערט פון פראנקפורט אין אנדערע שטעדט און געזוכט ארבייט אדער בעשעפטיגונג, אבער ס'רוב יודען זענען געווען אזוי שטארק צוגעבינדען צו פראנקפורט, אז זיי זענען גרייט געווען צו שטארבען פון הונגער און קעלט, און נישט פערלאזען די שטאדט.

אין דער גרויסער פארצווייפלונג וואס האט געהערשט צווישען די נשרפים האט יעקב משה און אפילו זיין פרוי כמעט אינגאנצען געהאט פערגעסען אין זייער איינציגער טאכטער וואס געפונט זיך אין ווארשא, און זיי האבען פון איהר נישט גערעדט, ערשט ווען זיי האבען זיך ווי עס איז איינגעארדענט אין זייער נייער וואוינונג, האט זיך זיין פרוי דערמאנט וועגען חנה'לען און זי האט זיך געשעצט גליקליך וואס זי איז יעצט נישטא, און זי האט נישט מיטגעמאכט דאס שוידערליכע אומגליק.

אויך יעקב משה האט אין געוויסע מאמענטען געטראכט וועגען זיין טאכטער, און ער האט זאגאר שוין איצט גערעכענט אז דאס קען זיין א שמים-זאך וואס זי געפונט זיך אין ווארשא, און מעגליך וועט זי טאקי ווערען די שנור פון דעם גרויסען גביר דוד רייכמאן און דאס וועט אפשר אויך פאר איהם קענען זיין א רעטונג, ווען ער וועט האבען אזא רייכען איידעם ווי אדאלף רייכמאן וועלכער איז ביי זיין פאטער אנ'איינציגער זוהן און דער גאנצער פיהרער פון זיינע גרויסע געשעפטען.

(פארטז. קומט).

ז. זשאבאטינסקי.

א תשובה פאר אלעמען *)

איך פעקום א סך אנפראגעס, בעזונדערס פון יוגענד-קרייזען פון רעוויזיאניסטען און בית'רים: „צי זאל מען קויפען דעם שקל אדער נישט"?

אלס ענטפער אויף דעם גיב איך אנ'עצה אבצוווארטען מיט דער לעזונג פון דעם דאזיגען נישט בעזונדערס וויכטיגען פראבלעם ביז צום סוף פון דער סעסיע פון רעוויזיאניסטישען וועלט-פארטיי-ראט, וואס וועט פארקומען אנהויב מערץ. נאטירליך וועט דער פארטיי-ראט פון פערבאנד אלס אזעלכער זיך נישט פערנעמען מיט שקל-ענינים, אבער די סעסיע וועט בלי שום ספק געבען א געלעגענהייט פאר פריוואטע בעראטונגען. ווען איך דערמאן אזוי ארום קורץ דעם ווארט „פארטיי-ראט" אין פערבינדונג מיט שקל-ענינים טא איז עס צו פערשטעהן אין זין פון דער דאזיגער בעמערקונג.

דער פארטיי-ראט וועט בעשליסען, אז עס איז נישט איצט אפארטוניסטיש זיך צו בעמיהען משפיע זיין דעם 19-טען ציוניסטישען קאנגרעס. דאן וועלען מיר אלע, בתוכם אויך איך זיין ביכולת צו פארמולירען אונזער לעצטגילטיגע שטעלונג צו דער דאזיגער ריין-פראקטישער פראגע, ווייל די פראגע, אויב א רעוויזיאניסט זאל קויפען א שקל, אויב ער זאל זיך בעטייליגען אין די קאנגרעס-וואהלען א. א. וו., איז נישט מעהר ווי א ריין פראקטישע צוועקמעסיגקייטס-פראגע, וועלכע קען פערענטפערט ווערען היינט אזוי און מארגען אנדערש; עס איז נישט קיין פראגע פון אידעאלאגישע גרונס-פרינציפען ווי אויך נישט קיין וועלט-אנשויאונג-פראגע.

איך וויל דערמאנען דאס, וואס איך האב נישט לאנג צוריק אונטערגעשטראכען אויף דער רעוויזיאניסטישער קאנפערענץ אין דייטשלאנד: די איינציגע ממשות'דיגע מיסיע פון דעם רעוויזיאניזם זעה איך אין איהר זעלבסטשטענדיגער טעטיגקייט אויף אלע געביטען פון מלוכה-אויפבוי; די בעאיינפלוסונג פון אנדערע פרא-ציוניסטישע מוסרות דארף נאר בעטראכט ווערען אלס איינע פון די מיטלען, וועלכע זאלען נאר אנגעווענדעט ווערען אויף ווי ווייט דאס ווייזט זיך ארויס אלס נוצליך און פאסיג. איך בין דורכאויס גרייט נאך דער בעריהרונג פון אלע פרא-און קאנטרא-ארגומענטען צו בעטראכטען די עראבערונג פון ציוניסטישען קאנגרעס אלס א זעהר וויכטיגען ציעל, אבער איך ווארף עס אב צו אנערקענען וועלכע עס איז סענטימענטאלע בעציהונג צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. עס איז דער אויסדרוק פון א געוויסען רעוויזיאניסטישען „מינדערווערטיגקייטס-קאמפלעקס", ווען מען רעדט וועגען דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, ווי וועגען „הערצל'ס ירושה" אדער ווען די סאנירונג פון דער ארגאניזאציע ווערט בעצייכענט אלס די רעוויזיאניסטישע „הויפט-מיסיע", „הייליגער חוב" א. א. וו. דער אמת'ער יורש פון הערצלס בעוועגונג איז דער רעוויזיאניזם; זיין מיסיע בעשטעהט אין זיין אייגענע טעטיגקייט און לגבי כלפי-חוץ שטעהענדיגע מוסדות האט ער קיין שום פליכט נישט.

די סענטימענטאלע נערוועזיטעט, פון וועלכער איך ווארען דא, געפונט מען הן אויף דער זייט פון די רעוויזיאניסטען שקל-צאהלער, הן אויף דער זייט פון די יעניגע, וואס ווילען פערלאזען די ציוניסטישע ארגאניזאציע (אויסטריטלער). אויך די „אויסטריטלער" פערלאנגען א תיכף'דיגען יא אדער ניין—זאל איך דעם שקל קויפען אדער ניין? אדער זיי געהען נאך ווייטער און פרעדיגען „פרינציפיעל" דעם אבזאג פון שקל—פונקט אזוי ווי עס וואלט זיך דא האנדלען וועגען א טיעף-פרינציפיעלע געוויסענס-און וועלט-אנשויאונגס-פראגע.

אויף דער קומענדיגער סעסיע פון רעוויזיאניסטישען פארטיי-ראט וועלען אויך גענוי בעטראכט ווערען אלע פראגען, וואס זענען נוגע דעם 18 קאנגרעס: צי דער רעוויזיאניזם קען דאסמאל האפען אויף פערפינדעטע און צי זיי זענען צופערלעסיגטע, צי די אויסזיכטען פון די וואהלען צום קאנגרעס זענען גינסטיגע (מאנכע שאצען אב גראד די היי - יאהריגע שאנסען אלס אויסערארדענטליך - גינסטיגע) און צי עס איז בכלל ווערט די מיה צו עראבערען דעם קאנגרעס און איבערצונעמען זיין עקזעקוטיווע (אין וואס מאנכע צווייפלען איצט מעהר ווי מיט 2 יאהר צוריק).

דאס אלץ וועט דער פארטיי - ראט בעטראכטען האפענטליך אהן רעטאריק און אהן סענטימענטאלען פעסימיזם, קאלקולאציע, אבער נישט קיין גאטעס-דינסט! אבער אויך נאך דער קאלקולאציע וועלען די רעוויזיאניסטען (און דאס איז דער זין פון קאלע - אבמאך) קיינעם נישט קענען „בעפעהלען" און קיינעם נישט קענען „פערוועהרען" צו קויפען דעם שקל, אבער מען וועט דאמאלס זיין ביכולת—ובתוכם אויך איך —צו געבען אנ'ענדגילטיגע עצה ווי אזוי צו האנדלען. עס איז נישט אויסגעשלאסען, אז מען וועט דאמאלס עצהנען מיר זאלען אלע אהן אויסנאהם קויפען שקלים און געהן צו די וואהלען, אדער להיפוך, איינהייטליך צו באיקאטירען דעם 18 קאנגרעס, אדער אפשר גאר זאגען, אז דער גאנצער ענין איז היי-יאהר פאקטיש אומוויכטיג אפילו אנ'עצה נישט ווערט. פריוואט-אנגעלעגענהייט פאר ליבהאבער!

אלץ איז מעגליך, מחמת עס האנדעלט זיך וועגען אנ'ענין, וואס פערטענדירט נישט אין רעוויזיאניזם אפילו אויף א שאטען פון עטישער אדער אידעאלאגישער בעדייטונג.

ובכן — נישט קיין סענטימענטען און נישט קיין איילעניש ביי דער דיסקוסיע וואס מוז זאכליך און פראקטיש בעגרינדעט ווערען, „פאר און געגען". רוהיג ווארטען אויף דער סעסיע פון ראט איידער מען ענטשיידט זיך ווי צו האנדלען.

*) צוגעשיקט פון דער היגער רעוויזיאניסטישער ארגאניזאציע.

דאס יודישע האנדווערקערטום און דער ארץ-ישראל אויפבוי.

עס קען זיך דאכטען, אז צו יעדער פראגע פון יודישען געזעלשאפטליכען אדער פאליטישען לעבען, איז גענוג צוצוגעבען דעם זאץ „דאס האנדווערקערטום" און אויב ס'איז פאקטיש אזוי קען מען דאס אבער נישט זאגען בנוגע דעם אויפבוי פון א"י.

פאר פיעל יודישע האנדווערקער וואס פאלגען נאך דאס יודישע נאציאנאלע לעבען אין זיין גאנצער ברייט און טיעף. בעמערקען, אז דער סאמע ארגאניזירטער טייל פון יודישען מיטעלשטאנד אין פוילען—דאס יודישע האנדווערקערטום ווערט צו אלעם אויסגענוצט, נאר נישט צו דעם ארץ-ישראל אויפבוי. גראד דער אויפבוי פון ארץ-ישראל, וואס גיט אזוי פיעל האפנונג דער יודישער נשמה, וואס אהן שום איבערטרייבונג, איז עס דער איינציגער ליכט-שטראהל אין דעם ענגען פינסטערן לעבען, וואו מיר זענען איינגעפרעסט די לעצטע צייט, סיי גייסטיג, סיי עקאנאמיש.

גראד ביי דעם ענין ארץ - ישראל ווערט דאס יודישע האנדווערקערטום גארנישט דערמאנט. סיי מיט דער הילף וואס ער קען אין דארף בייטראגען, סיי מיט דעם וואס עס קאן געניסען. מיט איין ווארט, אומעטום קען ער אלץ אויסנוצען, אלץ טהון, נאר נישט ביים אויפבוי פון א"י, וואו מען דארף קאנצענטרירען אלע גלידער פון דעם יודישען פאלקס - ארגאניזם. און עס ווילט זיך זעהר און זעהר געפונען א ענטפער, פארוואס איז עס אזוי? צי קען מען זיך ביי דעם א"י אויפבוי איינגאנצען בעפרייען פון אזא פראדוקטיווען יודישען עלעמענט? און דאס איז אפשר דאס וויכטיגסטע — צי דארף דאס יודישע האנדווערקערטום שטעהן פונדערווייטענס און נישט מיט אלע מעגליכקייטען מיטארבייטען, מיטהעלפען בויען איין פאזיציע נאך דער אנדערער אין א"י, ווייל מיט יעדער פאזיציע, וואס עס ווערט רייכער דאס אויפבוי-ווערק אלס מעהר שאנסען פאר יודישע ארבייטס-פלעצער זענען פעראהן. און ווער נויטיגט זיך אזוי אין ארבייטס-פלעצער מעהר ווי דער יודישער האנדווערקער ביי אונז.

נישט דא איז דאס ארט צו בעהאנדלען די פראגע אלזייטיג, און נישט איך וויל עס טהון צוזאמען מיט דעם מישמאש וואס עס הערשט אין דער יודישער געזעלשאפט ביי היינטיגען טאג אין אלע פאליטישע און עקאנאמישע פראגען. ווי איין יודישער פאליטיקער אדער עקאנאמיסט וויל נישט פערשטעהן דעם צווייטען און יעדער איז זיכער, אז נאר זיין רעצעפט קאן ראטעווען די קראנקע יודישע לאגע, און דערפאר בעקעמפט מען זיך אויף אזא שטארקען און טיילמאל פשוט פיינדליכען אופן. און דאס ברענגט נאטירליך דאצו, אז מעהר ווי איין גוטע און נויטיגע אקציע ווערט פערנאכלעסיגט, נישט געקוקט אויף דעם, וואס פאר א שאדען עס קאן מיט זיך ברענגען. אט פאר דער פאליטיק פון „ברוגז מיט'ן חזן", האבען מיר שוין ליידער פיעל בעצאהלט... און אט צוליעב אזא ברוגז שטעהן ביים היינטיגען טאג די צעהנדלינגער טויזענדער ארגאניזירטע יודישע האנדווערקער אין פוילען. מעהר ווי אין א פאסיווען צושטאנד צו איינעם פון די קארדינאלסטע פראבלעמען פון יודישען פאלק. עס האט זיך איינגעפיהרט אזא צושטאנד, אז פון אלעם מעגסטו טראכטען, אלץ דארפסטו מיטווירקען, נאר פון ארץ-ישראל טארסטו נישט גדענקען...

און ווי איך האב שוין אויבען דערמאנט ברענגט דאס נישט ווייניג שאדען ביידע צדדים.

וואלט דען דאס יודישע האנדווערקערטום נישט געקענט—טראץ זיין טרויריגען מאטעריעלען צושטאנד—לייסטען פאר ארץ-ישראל, סיי מיט זיינע ארימע גראשענס און נאכמעהר מיט זיין ארגאניזירטקייט, מיט זיין געזעלשאפטליכען פערנעהם ביים היינטיגען טאג. און צי וואלט פאר דעם יודישען האנדווערקערטום איצט אין פוילען נישט געווען איינס פון די וויכטיגסטע פראגען צו בעקומען איניגע הונדערט גייע ארבייטס-פלעצער אין ארץ-ישראל? און מען מוז דאך נעמען אין בעטראכט, אז דאס האנדווערקערטום איז דאך א פראדוקטיווער און שאפענדער עלעמענט. און ארץ-ישראל קען דאך נישט געבויט ווערען אויף א שנעלען און גיגאנטישען אופן. פיעל רעגירונגען פון פערשידענע לענדער האבען שוין איינגעזעהען, אז דאס האנוווערקערטום איז אזא וויכטיגער עקאנאמישער שיכט, וועלכער האט נישט אזעלכע אספיראציעס ווי די גרויס-אינדוסטריעלער און מיט קליינע מיטלען איז עס אומשטאנד צו בעשעפטיגען נישט - ווייניגער ארבייטער ווי די אינדוסטריע (ווי אין פוילען צ. ב. ש.) און איז דויערהאפטיגער ביי פערשידענע עקאנאמישע אויפטרייסלונגען, פון וועלכע קיין שום לאנד קען זיך נישט בעפרייען.

עס איז דעריבער שוין די העכסטע צייט, אז עס זאל א סוף געמאכט ווערען מיט אט דעם צושטאנד.

און זאל מיר אויך ערלויבט זיין א פערזענליכע נאטע צוצוגעבען. נישט קיין שום פאליטישע אדער אנדערע פראגען האבען מיך באוואויגען ארויסצוזאגען די געדאנקען איך וועל אפילו דער לעצטער נישט זיין צו ווארפען א שטיין אין דער ארגאניזאציע פון דעם יודישען האנדווערקערטום אין פוילען. איך האלט אבער, אז דער „ברוגז אויפ'ן חזן" דארף נישט בעפרייען פון דאווגען... און אין אלע ארגאניזאציעס דארפען ארגאניזירט ווערען ספעציעלע קאמיסיעס, וועלכע זאלען בעהאנדלען אלזייטיג די דאזיגע פראגע, און אויב מיין שרייבען וועט אין דער קלענסטער מאס מיטווירקען - צו ענדערן אט דעם טרויעריגען צושטאנד, וועט עס פאר מיר זיין די גרעסטע בעלוינונג.

דוד קאניעצפאלער.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

דער מבול פון בעלער.

אין דער מ"חמה צייט געדענק איך, ווען עס איז נישט געווען קיין ברויט, זענען פארגעקומען א סך טעאטער-אונטערנעהמונגען און בעלער, און מערקווירדיג, וואס ווייניגער עס איז געווען צו עסען, אלץ מעהר האבען די אימפרעזעס געהאט ערפאלג.

היינט ביי דעם גרויסען קריזיס, ווען מענשען געהען אויס פון הונגער און קעלט, קומען פאר בעלער מיט קאנצערטען, רעוויעס, פארשטעלונגען און אלע ווערען געקרוינט מיט גרויס ערפאלג.

אט וועל איך אייך ברענגען א רשימה פון די אונטערנעהמונגען, וואס זענען פארגעקומען די טעג און זענען בעזוכט געווארען פון הונדערטער, הונדערטער בעזוכער.

ה כ נ ס ת כ ל ה. הונדערט און צוואנציג יאהר עקזיסטירט שוין די דאזיגע געזעלשאפט אין אונזער שטאדט און האט נאך קיין אימפרעזע נישט איינגעארדענט. ערשט אין 33-טען יאהר פון 20-טען יאהרהונדערט האט זי אנגאזשירט אנ'אונטערנעהמונג, וועלכע איז געקרוינט געווארען מיט ערפאלג.

אין האנדווערקער-זאל איז פארגעקומען דער קאנצערט, וואו ה' באדאש און ה' שמידט האבען געזונגען. און בעשטימט איז געווען, אז דער קאנצערט וועט זיך אנהויבען פונקטליך 8 א זייגער אין אוועגד, איז שוין האלב 8 האבען אנגעהויבען שטראמען הונדערטער יודען מיט זייערע ווייבער און קינדער און איבערפולט ביידע זאלען און עטליכע הונדערט פערזאן מיט אויסגעקויפטע בילעטען האבען געמוזט נעביך אהיימגעהן און נישט געניסען פון דער גרויסער קונסט...

דער עולם האט זיך געפיהלט זעהר היימיש, און היות ווי זיי האבען נישט בעוויזען אינדערהיים אויפצועסען די מלוה-מלכה, האט מען דא אויף דער „ווידאווניע" גאנץ געשמאק געריבען דאס איבערבלייבעכץ פון שבת.

און אט א כאראקטעריסטישער עפיזאד.

ה' שמידט זינגט „א בריוועלע דעם טאטען" און געגענאיבער זיצט א פרוי און עסט מיט גרויס אפעטיט א פולקע גענזענס. דערווייל שילדערט דער זינגער ווי אזוי א פאטער, וועלכער פאהרט צו זיין זוהן קיין אמעריקא און אויף דעם „טרעהרען-אינזעל" ווערט ער געוואויר, אז ער מוז צוריקפאהרען. אויף א סעקונדע רייסט די יודענע איבער דאס קייען, גיט א שווערען זיפץ און באלד נעמט זי זיך ווייטער רייבען גאנץ געשמאק דאס געגנזענס...

דאס זענען אבער קלייניגקייטען, דער עיקר, דער עולם איז געווען צופרידען און האבען געוואלט אז מען זאל זיי זינגען ביז אינדערפריה.

פ ר ץ - ש ו ל ע ן. אין דער זעלבער צייט איז פארגעקומען אין זאל פון דער „ווארטא" א גרויסער רעווי-באל און אויך דארט זענען געווען פערזאמעלט עטליכע הונדערט צושויער, וועלכע האבען זיך געוויילט ביז אין גרויען טאג אריין.

צומארגענס זונטאג זענען פארגעקומען 2 אימפרעזעס: א פערשטעלונג פון דער קינסטלערין אידא קאמינסקא און די צווייטע פון ברית תרומפלדור און ביידע אונטערנעהמונגען זענען געווען איבערפולט.

אויסער דעם קומען דאך נאך פאר ווי געוועהנליך, דאנסינגס און פייף-א-קלאקס, און וואו איז בלאשטשינסקי און די „זשעמיאנסקא"?

מיט איין ווארט: וואס ווייניגער עס איז דא ברויט מיט קויהלען, אלץ מעהר ווילט מען זיך. און איהר זענט נאך נישט פערטיג. אויך די וואך הויבען זיך אן א רייהע אונטערנעהמונגען. ערשטענס: חיה'לע גראבער, וואס איז די פענאמענאלסטע קינסטלערין פון דער לעצטער צייט און דאן בעלער מיט פארשטעלונגען פאר די „אכראנקעס", און וואו איז דער בירנבוים-כאר?

ווי איהר זעהט, איז עס א ריכטיגער מבול פון קאנצערטען און בעלער.

א פרוי האט זיך ארויסגעווארפען פון קהלה - פענסטער.

(פון דער כראניק).

אין דער קהלה איז געקומען א פרוי און ערקלערט, אז היות ווי איהר מאן וואוינט נישט מיט איהר און זי איז בערגעלאזט מיט 3 קינדער וויל זי, אז מען זאל איהרע 2 קינדער נעמען אין בית-יתומים און זי וועט אוועק ארבייטען אויף א פאסטען.

פערשטעהט זיך, אז די קהלה קאן אזעלכע זאכען נישט ערלעדיגען, האט זי דאס איבערגעוויזען דער פערוואלטונג פון יתומים-הויז. די לעצטע האט אבער באלד נישט געקענט ערפולען איהר בקשה צוליעב פאלגענדע טעמים: ראשית, האבען די קינדער א פאטער, והשנית, לעבט דאס זקנים-הויז איבער א שווערען קריזיס. די יונגע אבער האט געוואלט מאכען א שטארקען איינדרוק האט זי אויסגעשריגען: אויב עס געהט אייך אינדעם, וואס מיינע קינדער האבען עלטערן, וועל איך זיי באלד מאכען פאר יתומים און איז ארונטערגעלאפען פון די טרעפ, אויפגעהאקט א פענסטער און ארונטערגעשפרונגען.

ווי מיר איז געלונגען געוואויר צו ווערען איז דאס נישט דער ערשטער פרוב, נאר שטענדיג, ווען עס איז איהר זעהר שלעכט, דראהט זי מיט זעלבסטמארד און אלע מאל איז איהר געלונגען אבצוראטעווען, און אויך דאסמאל איז איהר דער זעלבסטמארד נישט געלונגען, זי איז נאר אבגעקומען מיט א צושעדיגטען קערפער.

נאר בלויז דער פאקט איז כאראקטעריסטיש, אז א פרוי, וועלכע האט דריי קינדער און דער מאן, מסתמא א ריכטיגער פויגעל, וויל פון זיי נישט וויסען, האט זי דען אנ'אנדערע ברירה? אבער ווער קען העלפען, איז דען דא ביי אונז אין טשענסטאכאוו נישט פערהאן הונדערטער אזעלכע אומגליקליכע נפשות, וועלכע האבען נישט קיין מיטלען צום לעבען?

אודאי, ווען אונזערע יודישע פאבריקאנטען וואלטען געגעבען בעשעפטיגונג יודישע ארבייטער וואלט נישט געקומען צו אזעלכע סצענעס, וואס קומט אבער ארויס, אז זיי איז ווארעם און זיי זענען זאט.

אפשר וועט דער דאזיגער פאקט א ריהר טהון זייערע הערצער.

צרות וואסער.

ווי איהר ווייסט, האבען מיר א סך צרות, צרות דירה-געלד, צרות עלעקטריע, צרות פאדאטקעס און אויך צרות וואסער.

אבער נישט וועגען „אולען" וויל איך אייך דערצעהלען, נאר א צרה וועגען א קריגעל וואסער.

אויף גארנצארסקא גאס האט א געוויסער ר. געקויפט א הויז, האט ער דערויף געקוקט ווי אויף אנ'אבן טוב, ער האט נישט געלאזט עס אנריהרען (מסתמא מורא געהאט פאר א גוט אויג) איז שבת נאכמיטאג געקומען א פרייליין און געוואלט אנשעפען א קריגעל וואסער, פון דעם וואסער, וואס פליסט אין זיין הויז, איז דער בעל-דבר ארויס פון די כלים, צושלאגען דאס מיידעל (א שאד, וואס זי הייסט נישט רבקה, וואלט מען געקענט דערפון מאכען א כמעט היסטארישען ראמאן) און אויסגעגאסען אויף איהר דאס וואסער.

די משפחה פון דעם בע'עולה'טען מיידעל איז זיך געקומען אננעמען פאר איהר, האט דער בעל-הבית אויפגעהאקט דאס פענסטער און געשריגען: פאליציי, באנדיטען, „דעוואלט".

ס'פערשטעהט זיך, אז די „געצעוויזנע" איז זיך צונויפגעלאפען אויף זיינע בייזע וואונדער.

דער סוף איז געווען, אז מען האט צונויפגעשטעלט א פראטאקאל געגען די „באנדיטישע אנפאלער".

פערדריסליך איז נאר, וואס זיינע לאקאטארען האבען זיך איינגעשטעלט פאר'ן בעל-הבית?...

אויף די גאס-יודען האט אבער דער „איידעלער" טהאט געמאכט א פיינליכען איינדרוק, וואס צוליעב אביסעל וואסער זאל מען מאכען אזא העסליכען

די טשעכישע אינדוסטריע קאנקורירט שטארק.

פון אונזער קארעספאנדענט פ. לאגשטיין פראג.

איינער פון די אינטערעסאנטסטע ירידים, איז בלי שום ספק דער פראגער יריד, וואס הויבט זיך אן היינטיגעס יאהר דעם 19 מערץ.

קומענדיג צום פראגער יריד איז ווערט א קוק צו טהון אויף פראג גופא, וואס האט זיך לעצטענס שטארק אויסגעבויט און אויך אויף זיינע יודישע היסטארישע אוצרות.

איינע פון די אינטערעסאנטסטע שטעדט פון דעם נייעם אייראפא איז פראג, וואס ליגט אין א טאל, ארומגערינגעלט מיט בערג און גלענצט שטארק אויס מיט זיין ארכיטעקטאנישער שעהנקייט.

נישט נור די אלטע גאסען מיט זייער פארצייטיגער פראכט, נור אפילו דאס נייע פראג מיט זיינע ריזענהאפטע געביידעס, האבען אין זיך א באזונדערן סטיל, וועלכער געפונט זיך נישט אין קיין שום אנדערער שטאדט.

דערצו קומט נאך, וואס פראג וויםעלט טאג און נאכט פון סוחרים פון דער גאנצער וועלט. די טשעכאסלאוואקיי איז איינס פון די גרעסטע אינדוסטריע-לענדער פון אייראפא. פערהאן דא גאנץ גרויסע שטעדט, וואס פערנעמען זיך בלויז מיט איין אינדוסטריע בראנזשע. נישט רעדענדיג פון צלין למשל, וואו ס'איז פערהאן די גרעסטע שיך-פאבריק פון דער גאנצער וועלט: באטא. נור אויך א שטייגער ברין און רייכענבערג די גרעסטע צענטרען פון שטאפען, וואס ווערען עקספארטירט אויף ארבע פנות העולם — פראסניץ, א שטאדט מיט 10 טויזענדער שוסטערס— נאבלאנץ די גרעסטע פאבריקאציע פון פיינע און ביליגע גאלאנטעריע-סחורות וואס נעמען פון דאן דעם וועג אפילו אין יעדען קלענסטען ארט פון די ווילדעסטע מדינות. פילזען מיט'ן בעסטען ביער אין דער גאנצער וועלט און נאך און נאך הונדערטער אזאלכע אינדוסטריע-שטעדט זענען דא צושפרייט אויף אלע זייטען פונ'ם לאנד און זוכען מיט אלע מיטלען וועגען בכדי צו קאנקורירען מיט אנדערע אינדוסטריע-לענדער און צו ווייזען דער גרויסער וועלט, וואס זיי פאבריצירען.

אודאי איז דער פראגער יריד, וואס הויבט זיך באלד אן דער בארעמטער נאך וועלכען עס שטעלט זיך איינגישט נור די גאנצע אינדוסטריע פון דער טשעכאסלאוואקיי, נור אויך פון אלע ארומיגע לענדער, וואס בעמיהען זיך איינצוהאלטען די ביליגע טשעכישע פרייזען און די גוטע קוואליטעט פון דער טשעכישער קאנקורענץ.

די איצטיגע פראגער מעסע וועט ברענגען פיעל נייעס, וואס וועט זיין וויכטיג נישט נור פאר יעדען גרויסען, נאר אויך פאר יעדען קליינעם סוחר, וועלכער זוכט אויפצולעבען זיין געשעפט אין דער יעצטיגער שווערער צייט.

פ. בלומענקראנץ.

די סבה.

(סקיצע)

וואקסמאנ'ס בעקאנטע געוואויר-ווערענדיג, אז ר'האט חתונה געהאט, און דערצו מיט א דורכשניטליך מיידעל — האבען זיך גע'חדוש'ט.

— זעהט נור דעם עסטעט. נאך אזוי פיעל יאהרען קלויבען, זאגען מבינות האט ער אזוי ווייט דערגרייכט... די מעהר פערנונפטיגע האבען געשמייכעלט:

— מילא, אזוי איז דאס לעבען. ס'איז תמיד א גרויסער מרחק צווישען פלענער און דערגרייכונגען. יעדער געהט איין אויף רעדוקציעס בעת ער מוז זיינע בעשיידענסטע שטרעבונגען פערווירקליכען.

וואקסמאן האט געמאכט זיך נישט בעמערקען די פערחדושטע בליקען פון זיינע בעקאנטע און געפיהרט זיך מעשה בעל-בית'ל: יעדען אווענד שפאצירט מיט'ן ווייב, געמאכט וויזיטען ביי קרובים פון ביידע צדדים, נישט בעטייליגט זיך אין געזעלשאפטליכער ארבייט, מיט איין ווארט: כלפי הוץ א צופרידענער, שמייכעלדיגער „שלום-בית'דיגער" יונגערמאן.

אין די ערשטע צייטען זענען זיך די בעקאנטע צונויפגעקומען ביי איהם, אבסערווירט מיט נייגיר די ענדערונגען אין זיין התנהגות און נישט געקענט איהם משיג זיין: ער איז געזעסען ביים טיש אין שטעק-פאנטאפעל, געלייענט בהרחב'דיג א צייטונג. דאס ווייב האט געגעהט א „יאשיקל". די פיקאנטערע מעשות האט ער פארגעלייענט דעם ווייב אויפ'ן קול, ווי צ.ב. פון אנ'ארבייטסלאזען, וועלכער האט געצוואונגען דאס ווייב צו פערדינען מיט איהר לייב. וואקסמאן האט געלייענט די דאזיגע מעשה בנעימות'דיג, אקצענטירט דערביי די מעהר ריהרענדע סצענעס און געכאפט א בליק אויפ'ן ווייבל, ווי געזאגט: דאס טרעפט נור אין נידריגערע ספערען, מיר ווייסען צו שעצען א פרוי...

די בעקאנטע האבען געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען און געקוועטשט מיט די פלייצעס. זיי האבען נישט דערקענט דעם אמאליגען ברויזענדען, שטענדיג סארקאסטישען און פערביטערטען חבר.

מיר האט דער ענין אויסגעזעהן מאדנע און זיין פיהרונג נישט נאטירליך. ס'איז מיר שווער געווען צו גלויבען, אז אזעלכע מענשען ווי וואקסמאן זאלען פעהיג זיין אנצוקוועלען פון זיך; אז ער א מענש, וואס האט דרייסיג יאהר. געגנישטערט, געזוכט, געשמיסען זיך גופא — זאל זיך בן-לילה אזוי ענדערען. כ'האב געהאט דעם איינדרוק, אז ביי איהם קומט פאר דאס זעלבע וואס ביי פיעל מענשען, וועלכע בעת מ'איז זיי חושד אומזיסט, בעמיהען זיי זיך נישט דעם חשד אויסצומיידען, נור פערקעהרט: טוהן בכונה מעשים, וואס פערשטארקען דעם פערדאכט,

כ'האב זיך צוריק בעפריינדעט מיט וואקסמאנען. פיהלענדיג פשוט, אז דער מענש איז ווייטער עלענד, אז ער סימולירט צופרידענקייט פאר זיינע בעקאנטע. מיר האבען זיך אנגעפאנגען אפט בעגעגנען און געווארען צוריק אינטים.

כ'געדענק גענוי דעם אווענד, ווען איך האב בעריהרט דעם ענין וועגען זיין לעצטען שריט אין לעבען. דאס איז געווען א יאהר נאך דער חתונה. מיר זענען געזעסען אין ווארט-זאל פון א קינא, פעררוקט אין א ווינקל (ער האט זיך שוין ערלויבט צו געהן אהן איהר) פאר אונז האבען זיך אדורכגעשלייכט שמייכעלדיגע, האפעדיגע פארלעך; ביהידות'דיגע פרויען, וועלכע קומען אין קינא ווען זייערע מענער געהן קארטען-שפילען. נישט דרייסטע יונגעלייט, וועלכע חלומ'ען פון פילם-קאריערעס אדער ווייטע רייזעס, און סתם מענשען, וועלכע קומען אין קינא, כדי צו שלאפען 2 שעה. כ'האב דיסקרעט בעריהרט דעם ענין, צריינגעווארפען, אז ס'איז פאריש משפט'ן מענשען לויט די מעשים זיינע, וועלכע זענען פיעל מאל א פועל-יוצא פון אויסערליכע גורמים.

ער האט זיך צוגעבויגען צו מיר, געקוקט אויף א ווייל מיט א פארשענדיגען בליק:

— איך פערשטעה דאך. דו מיינסט איצט מיך. ס'זענען פערהאן טהאטען אין אונזער לעבען, וועלכע זענען פאר'ן אויספיהרער פון זיי א פראדוקט פון לאנגען אינערליכען קאמף און פאר די „אבסערוואטארען" אנ'אביעקט פון אבלאכעריי... יא, ווען איך בין געווען יונג האב איך געקוקט אויף אלעם מיט ציגערישע אויגען. כ'האב נישט געוואוסט פון לאנגווייליגקייט (מעגליך צוליעב דעם, ווייל יעדע קליינינגקייט האט מיך פערנומען) כ'האב מיך בעצויגען צו אלעם לייכט און געהאט א געפיהל פון מיין פולווערטיקייט. כ'גלויב אגב, אז יעדער מענש לעבט אדורך יאהרען פון אזא מין זעלבסטצופרידענקייט. דאס בעוואוסטזיין, אז ער עקזיסטירט פערבלינעט איהם שוין, און איז א גענוגענדע סבה צו פלוצים-אויפברויזענדיגער שמחה, ווארום דער מענש אין די דאזיגע יאהרען פון זעלבסטטריאומף זוכט נישט קיין אורזאכען צו פרייד, ווייל זיין קיום גופא פעראורזאכט איהם די גרעסטע חדוה.

ער האט איבערגעריסען דעם שמועס: צוויי יונגע מענשען האבען זיך אוועקגעזעצט נאהנט ביי אונז. וואקסמאן ווארפט אויף זיי א רוגזה'דיגען בליק און ווענדעט זיך צוריק צו מיר:

— כ'פערשטעהט זיך, אז כ'וועל דיר נישט איצט איבערגעבען די אלע ענדערונגען, וואס זענען ביי מיר פארגעקומען דורך די יאהרען, וועגען די אלע אמת'ן וואס זענען מיר דורך דער צייט אויסגערינען, ווייל כ'וויל נור רעדען וועגען דעם בעריהרטען ענין.

דער יונגערמאן האט פארגעלייענט דעם מיידעל א וויץ, פון וועלכען זי האט זיך שטארק צולאכט אויף קול, געהאלטען זיך די זייטען און געשריגען: „א פרזשעסטאן, בא סקאנאם זע שמיעכו".

— צוויי גורמים האבען געשטויסען מיך צו מאכען דעם דאזיגען שריט. ערשטענס האב איך קאנסטאטירט צו מיין שרעק, אז כ'ווער אנ'אלטער קאוואליר אין שלעכטען זין פון ווארט. מיר האבען אנגעהויבען געפעלען דווקא 15 יעהריגע מיידלעך, פאר וועלכע כ'האב געגען מיין ווילען אויסגעפאקט מיינע „תורות", וואס כ'האב צונויפגעזאמעלט אין משך פון 20 יאהר. די מיידלעך האבען געגעניצט און איך האב געשיגט מיט ציטאטען און אפאריזמען.

טיילמאל האב איך בעמיהט צו זיין האפעדיג, וועלענדיג צופאסען זיך צו די יונגע, האב איך אנגעפאנגען דערצעהלען באנאלע וויצען, פון וועלכע כ'בין רויט געווארען פאר חרפה, אוועקגעהענדיג פון זיי.

כ'האב בעשיינפערליך געזעהן ווי זיי מיידען מיך אויס און פונדעסטוועגען בין איך זיי נאכגעלאפען און געשטאנען פאר די טויערען ווי א שילער פון דער זעקסטער קלאס...

די 15-יעהריגע מיידלעך האבען מיך געפטר'ט מיט פערשידענע תירוצים, און איך האב מיך נישט געמאכט פערשטעהן.

דער יונגערמאן האט שוין געהאט אדורכגעלייענט אלע וויצען. ער האט זיך גענומען צו א צווייטער מלאכה: געקוקט איהר אין די אויגען און געצעהלט די פינגער פון איהר לינקער האנד, ווי אין נאדיר'ס א מעשה'לע.

— כ'האב געוואלט פערטרייבען מיין עלענדקייט דורך בעזוכען מיינע בעקאנטע, וועלכע האבען זיך שוין געהאט איינגעארדענט. האב איך אבער בעמערקט, אז ביי זיי בין אויך איבעריג. און ווען זיי האבען אנגעהויבען שטיפען מיט א נודנער זעלבסטצופרידענקייט מיט זייערע ווייבלעך. האב איך זיך געפיהלט שרעקליך איבעריג און זיי שנעל געזעגענט.

אין די לאנגע אווענדען האב איך פיעלמאל אדורכגעלעבט מינוטען פון אויסטערלישער עלענדקייט. כ'האב זיך געפיהלט אזוי פעריתומ'ט און פערלאזען, אז כ'האב גאנצע שעה'ן ארומגעוואנדערט אין די גאסען, מורא האבענדיג פאר מיין איינזאמקייט. א געפיהל פון מינדערווערטיקייט האט מיך ארומגענומען. ווען כ'וואלט געוואוסט אין די דאזיגע גרויליכע מינוטען, אז עמיצער אינטערעסירט זיך מיר, וואלט עס פאר מיר געווען אנ'אויסערגעווענליכע סאטיספאקציע.

אין טאקי די דאזיגע אווענדען פון מרה-שחורה בין איך געווען עלול אויסצושטרעקען מיין האנד צו יעדען, וואס וואלט מיך בעשאנקען מיט א לאשטשענדיג ווארט. סוף-כל-סוף האב איך מיך איבערצייגט, אז פאר אלע בין איך נור א טפל, א מיטל צו פערטרייבען זייער לאנגווייליגקייט, ווייל ווען זיי האבען נישט געהאט קיין חשק צו עסען, שלאפען אדער געהן אין קינא, האבען זיי מיך גערן אויפגענומען. אבער ווייטער...

מיר האבען דערהערט א קלינג. וואקסמאן האט איבערגעריסען זיין לאנגען מאנאלאג, אויפגעשטעלט זיך האסטיג און איראניש פערענדיגט:

— וואס, דעם סוף קענסטו דאך. לאמיר אריינגעהן אין זאל, מיר קענען פערשפעטי.ען דעם פאראמאנט-איבערזוכט..

סקאנדאל.

זאל דאס זיין אמת?

מען דערצעהלט, אז א היגער אנגעזעהענער יודישער בעל-הבית, א גבאי פון א שוהל און בכלל א חשוב'ער כלל-טהוער איז בעגאנגען א מאראלישע נישט פונקטליכקייט לגבי יודישע בעלי-מלאכות.

דערזעלבער כלל-טהוער האט זיך געעפענט א געשעפט, זענען צו איהם געקומען יודישע מאלער, וועלכע האבען געוואלט דאס געשעפט אויסמאלען, א יודישער עלעקטראטעכניקער, וועלכער האט געוואלט אויספיהרען די אינסטאלאציע און די דאזיגע יודישע בעלי-מלאכות האבען פארגעלייגט זייער ארבייט בחצי חנם, מחמת זיי זענען ארבייטסלאז און זיי זענען גרייט צו ארבייטען, אבי נאר עפיס צו פערדינגען.

דער בעוואוסטער כלל-טהוער האט זיי זעהר חנפליך אויפגענומען, גענומען ביי זיי די אדרעסען און זיי צוגעזאגט אין דער ריכטיגער צייט זיי צו וויסען צו טהון.

די יודישע בעלי-מלאכות ווארטען נאך ביז'ן היינטיגען טאג אויף אנ'ענטפער. דערוויל איז שוין דאס געוועלב אויסגעמאלט, ווי אויך אינסטאלירט און דוקא דורך נישט-יודען.

ווען א יוד וועט חס-ושלום קראנק ווערען וועט דער אויבענדערמאנטער כלל-טהוער איהם באלד געבען א קוויטעל אין שפיטאל אריין, דאסגלייכען ווען עס ווענדט זיך צו איהם א הונגעריגער, וועט ער איהם הייסען געבען א פעקיל פון בית לחם.

אבער ליעבער ה' פילאנטראפ, וואס טויג אייער גוטהארציגקייט, אייערע שפיטאלען מיט אייערע בית לחמ'ס, בעסער גיט ארבייט די יודישע ארבייטער, וועלען זיי פערשפארען צו הונגערן און צו קרענקען.

דעם דאזיגען פאקט האט מיר דערצעהלט א בעגלויבטער מענש און איך פרעג: ה' כלל-טהוער, זאל דאס זיין אמת?

פינקט ווי ביי שלום עליכמ'ען.

קענט איהר די מעשה פון שלום עליכמ'ען, וואו עס דערצעהלט זיך, ווי אזוי א יוד, א שניידער, א פענטאק, האט געווינען די 200.000 און ווי אזוי דאס האט איהם געבערנגט אנ'אומגליק אויף זיין שטוב, אזוי אז ער איז גליקליך געוועזען, ווען ער האט אנגעוואוירען דאס געלד און איז געבליבען ווייטער מענש...

אט אזא זעלבע געשיכטע איז געשעהן מיט אונזערס א בן-עיר.

מיט צוויי יאהר צוריק האט די פאמיליע ג. געוואונען דאס גרויסע געווינס אין דער סומע פון 80 טויזענד זלאטעס און זיי האבען זיך אוועקגעצויגען קיין לאדז. און אט שרייבען די צייטונגען, אז אין דער פאמיליע איז געשעהן א גרויס אומגליק: א טאכטער, וועלכע איז געווען אייפערזיכטיג אויף איהר שוועסטער האט מיט א פלאש וויטריאל בעגאסען איהר שוועסטערס חתן און זי אליין איז משוגע געווארען.

און צוליעב וואס? אלץ צוליעב דעם גרויסען געווינס.

אזוי האט זיך די ארימע פאמיליע געלעבט רוהיג און איצט, ווען זיי האבען בעקומען א סך געלד האט עס אויף זיי געבראכט א גרויס אומגליק.

מענשען שטרעבען צו געלד, אבער נישט אלע מאל ברענגט עס גליק, פערקעהרט, אפטמאל ברענגט עס אומגליק, אזוי ווי עס איז טאקי געווען דער פאל ביי דער אויבענדערמאנטער פאמיליע.

מען האט געמיינט, אז דאס מעשה'לע פון שלום עליכם איז א פאנטאזיע, האט איהר א לעבעדיגען פאקט, וועלכער איז אבער נאך טראגישער ווי ביי שלום-עליכם.

אויף „גאפע".

מיט א גרופע עולים, וועלכע זענען פאר צוויי וואכען אבגעפאהרען קיין ארץ-ישראל האט זיך מיטגעכאפט א היגער יונגערמאן, א מיטגליד פון ברית תרומפעלדאר.

אהן א גראשען געלד, אהן א סערטיפיקאט און אהן א וויזע. ער האט זיך אנגעטהון דעם אוניפארם, זיך אריינגעזעצט אין דער באהן און ווי מען שמועסט איז ער שוין אנגעקומען קיין א"י.

איך קען פערזענליך דעם יאט, איך געדענק פאר א פאר יאהר צוריק, ווען עס האט דא גאסטראלירט א יודישע טרופע, איז ער אריין אין זאל אויף „גאפע", עס האט נישט געהאלפען וואס די בילעטערען האבען איהם כסדר ארויסגעווארפען, ער האט דאס זייניגע אויסגעפיהרט, ער האט בייגעוואונט די פארשטעלונגען.

דאס איז אפנים געווען א פראבע. היינט ווען ער איז געווארען עלטער (18 יאהר אלט) און עס איז ביי איהם רייף געווארען דער געדאנק וועגען א"י האט ער אויך בעשלאסען זיך דארט אריינצוכאפען אויף „גאפע" און דער עקספערימענט איז איהם געלונגען.

איהם האבען נישט געארט די ענגלישע בילעטערען, ער האט זיך אריינגעכאפט קיין ארץ-ישראל „אויף גאפע".

לויתן

דער יוד, וואס איז געווארען דער שעף פון אלע שטאט-געריכטען אין ניו-יארק.

איינער פון די העכסטע אמטען, וואס א יוד האט ווען עס איז פערנומען אין דער געשיכטע פון דער שטאדט ניו-יארק, ווערט איצט פערנומען פון ריכטער עדגאר דזשייקאב לאוער, וועלכער איז בעשטימט געווארען צו זיין דער פרעזידענט-ריכטער פון אלע מוניציפאל געריכטען פון גרויס ניו-יארק.

די דאזיגע נאמינאציע האט עס ארויסגערופען אנ'איבערראשונג אין פאליטישע קרייזען. ערשטענס, איז דער פאקט וואס ריכטער לאוער איז נישט קיין דעמאקראט, נאר א רעפובליקאנער געווען א סענסאציע אן-און-פאר-זיך. דערצו איז נאך דער פאקט, וואס ריכטער לאוער איז א יוד, געווען נישט ווייניגער אינטערעסאנט ביי די יורידישע און אויך פאליטישע קרייזען. איז דאך דער אמט פון פרעזידענט-ריכטער נישט נאר וויכטיג פון יורידישען שטאנדפונקט' נאר נאך מעהר וויכטיג פון דעם שטאנדפונקט פון מאכט. דער פרעזידענט-ריכטער איז דער עקזעקוטיוועור באלעבאס איבער די געריכטען. ער בעשטימט, וואו די ריכטער זאלען „זיצען", און ער האט צו זאגען איבער די הונדערטער און הונדערטער אנגעשטעלטע אין די געריכט-הייזער און אויך איבער דער ספעציעלער פאליציי, וואס געפינט זיך אין די געריכטען

ריכטער לאוער איז געבוירען געווארען דעם 10-טען נאוועמבער 1871 אין ניו-יארק. זיין מוטער, סיליא הארענטאל, איז געבוירען געווארען אויף דער איסט סייד. אבער זיין פאטער, עמנועל לאוער, איז געבוירען געווארען אין דייטשלאנד, און קומענדיג קיין ניו-יארק, איז ער געווארען א קליידער-פאבריקאנט. די געשעפטען זיינע זענען געוואקסען, טראץ דעם, וואס אנגעהויבען האט ער כמעט ווי מיט די אייגענע פינגער, און ווען ער האט אין די עלטערע יאהרען זיך צוריקגעצויגען פון האנדעל, איז זיין געשעפט געווען איינס פון די גרעסטע קליידער-געשעפטען אין שטאדט.

עדגאר לאוער איז ערצויגען געווארען אין יודיש-רעליגיעזען זין, ער פערשטעהט יודיש, אבער קיין חדר, ווי א סך אנדערע יודישע פיהרער אין ניו-יארק האט ער נישט בעזוכט, זיין פאטער איז געווען דירעקטאר פון דעם טעמפעל עמנואל, און עדגאר איז דארט געווארען בר-מצוה. זיין יודישע ערציהונג האט ער בעקומען פון ראבי דר. גוסטאוו גאטהייל. „ער האט אין מיר איינגעפלאנצט א טיעפען רעליגיעזען גלויבען"—האט לאוער געזאגט— „און א ליבע צום יודישען פאלק און צו די ברייטע יודישע מאסען. ווען איך בין אויסגעוואקסען האב איך אליין אנגעהויבען נעמען א גרויסען אינטערעס אין דער רעליגיעזער ערציהונג.

ריכטער לאוער איז דירעקטאר פון דער

יודישער צדקה-פעדעראציע, דירעקטאר פון א בעוואוסטער יודישער קולטור-היסטארישער געזעלשאפט און דירעקטאר פון רעליגיעזען ערציהונגס-קאמיטעט פון טעמפעל עמנואל און פיעל אנדערע יודישע ארגאניזאציעס.

הויפטזעכליך איז אבער ריכטער לאוער א יוריסט, ער, אזוי גוט ווי ריכטער קארדאזא, האט זיך געווידמעט מעהר צו זייער פראפעסיע, ווי צו עפענטליכער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט. ער איז זעהר טעטיג אין יורידישע קערפערשאפטען. ער האט געשריבען אייניגע ווערק וועגען געזעץ און וועגען דער פיהרונג פון מוניציפאל-געריכטען, א מעטאדע ווי אזוי צו שליכטען געוויסע קלאגען, אויסער דעם רשות פון געריכט און דאך אונטער דעם אויפזיכט פון געריכט.

אויף דער פראגע, צי האט ער ווען עס איז בעגעגענט אנטיסעמיטיזם אין פערלויף פון זיין קאריערע, האט ער געענטפערט: „זעהר ווינציג, דער פאקט איז, אז איך בין ערוועהלט געווארען מיט 27 יאהר צוריק אלס ריכטער אין א דיסטריקט, וואס איז דאן געווען מעהרסטענטייל בעוואוינט פון נישט-יודען און אפילו איצט קען מען עס אויך נישט אנרופען קיין יודישען דיסטריקט, כאטש די צאהל יודען האט זיך שוין א סך פערגרעסערט". „און די האנדלונגען פון בירגער-מייסטער א'ברייען צו בעשטימען מיך אויפ'ן אמט פון פרעזידענט-ריכטער איז זיכער אז עס איז נישטא קיין שנאה צו יודען אין אונזער ניו-יארק, ווען עס קומט צו פאליטישע ענינים".

א. ד. גארדאן.

(צום 11-טען יאהרצייט כ"ד שבט).

צום 11-טען מאל וועלען דערמאנען די מחנות ארבייטער אין ארץ-ישראל און אין גלות דעם יאהרצייט-טאג פון זייער לעהרער.

אין דעם טאג וועלען זיך אט די מחנות דערצעהלען וועגען גארדאנ'ען. גארדאן דעם ארבייטער, דעם „אלטען גארדאן" דעם שעפער פון דעם גרויסען געדאנק: רעליגיע פון ארבייט אין ארץ-ישראל.

גארדאן האט זוכה געווען דורך זיין שאפען צו ווערען די צענטראלע פערזענליכקייט פון נייעם ארבייטענדען ארץ-ישראל. ער האט דאס זוכה געווען, ווייל ער האט געהערט צו דעם סוג חלוצים, וועלכע האבען מיט זייערע קערפערס געבויט דעם בריק פון דער פאלקס-צוקונפט, ווייל ער פערווירקליכט דעם ציוניזם דורך זיין לעבען. און שאפען, דורך ארבייט אויף דעם נאציאנאלען באדען, אויפ'ן באדען פון דגניה. מיט דעם האט ער זיך אזוי הויך אוועקגעשטעלט. אנ'אלטער מאן ארבייט פשוט'ע פעלד-ארבייט און ווען ער געהט אהיים, נאך די שווערע ארבייט פון טאג, אין דער צייט, ווען אלע מענשען זינקען אין טיפען שלאף און רוהען זיך אב פון זייער שווערע ארבייט, זיצט ער אין זיין איינזאמע צימער און שאפט, שאפט א נייע ליטעראטור, א חלוצישע ליטעראטור, א ליטעראטור פון ארבייט און אקער.

גארדאנ'ס לעהרע איז א תורה פון לעבען, וועלכע בעגרעניצט זיך נישט אין א פארם פון א בעשטימטער שטה און האט נישט קיין גרעניצען. דאס איז א לעהרע פון אונענדליכער ברייטקייט, אייביגע בעוועגונג און אייביגען שוואונג.

נישט דא איז דאס ארט ארומצורעדען גארדאנ'ס שיטה אין איהר גאנצען און ברייטען פערנעהם.

מיט א טיפער פילאזאפישער לאגיק קלערט גארדאן אויף דעם אייגענטליכען זין פון נאציאנאליזם די נאציע איז דער וויכטיגסטער צווישענגליעד צווישען דעם לעבען פון יחיד און דער נאטור. די נאציע איז פאר איהם מעהר ווי א סאציאלע גרופע, ווייל די נאציע ענטהאלט אין זיך א קאסמישען מאמענט, א מאמענט, וועלכער פעראייניגט דעם יחיד מיט דער מענשהייט און מיט דער נאטור. דאס איז גארדאנ'ס נאציאנאליזם. גארדאן אנערקענט נישט דעם קלאסען-קאמף, נאר א קאמף פון פאלק געגען זיינע פאראזיטען, ווייל דאס איז דער אינטערעס פון דער גאנצער אומה.

איך צו איינע פון די וויכטיגסטע און פערפ"אנטערטסטע פראגען וועגען אונזער בעציהונג צו די אראבער האט גארדאן זיין אייגענע שטעלונג, וועלכע ער האט זיך ערווארבען פון טיפען קוואל פון זיין בעוואוסטזיין, פון זיין זעלבסטשטענדיג לעבען אלס ארבייטער אין א"י, דען נישט איינמאל האט גארדאן געארבייט מיט די אראבער אויפ'ן ארבייטס-פעלד. מיר קענען זעהן ווי ווייט טרעפליך גארדאן האט שוין דאמאלס אבגעשאצט דאס פראבלעם פון אונזער בעציהונג צו די אראבער. די לעבענס-מענשליכע בעציהונג צווישען אונז און די אראבער — זאגט גארדאן — וועט בעשטימט ווערען פון לעבען און מיט'ן כח פון לעבען, נישט מיט קיין אונטערהאנדלונגען אדער פאליטיק, נאר מיט דער מאס, מיט וועלכער מיר אליין וועלען זיך בעשאפען, די יחידים דעם פאלקס-מענש, דאמאלס וועט בעשאפען ווערען די מענשליכע בעציהונג צווישען אונז און די אראבער. דאמאלס וועלען זיך די אראבער נישט געגענשטעלען און צושטערען דעם לעבעדיגען כח, וועלכען מיר וועלען בעשאפען, ווייל דאס לעבען איז שטארקער פון וועלכען ס'איז חורבן פון לעבען. אזוי רעדט א. ד. גארדאן, וואס יעדעס ווארט זיינס איז באמת אדורכגעדרינגען פון ערד און ערד-ארבייט, צו וועלכער ער איז געווען צוגעבינדען מיט אלע פעדים פון זיין נשמה, מיט אלע זיינע אברים. גארדאנ'ס לעהרע ווערט פערווירקליכט דורך די מחנות פון זיינע טרייע תלמידים און אנהענגער, פאר וועלכע עס גענוגט נישט זיך צו בעקענען מיט זיינע געדאנקען, נאר וואס טהון צופאסען זייער לעבען צו זיינע געדאנקען און זענען ממשיך זיינע גייסטיגע כחות, וועלכע האבען זיך נישט בעוויזען צו ענטפלעקען אינגאנצען אין זיין לעבען. גליקליך זענען אט די מחנות יוגענד, וועלכע איז געלונגען צו פערבינדען זיך נישט מיט אבגעריסענע אונממשות'דיגע סימבאלען נאר מיט א לעבעדיגען סימבאל — א סימבאל פון א פערזענליכקייט, וועלכע לעבט און ווירקט אויך נאך איהר טויט.

בנימין זילבערבערג.

דער פערלויף פון דער ביתר'ישער פגישה אין טשענסטאכאוו.

דעם היינטיגען חמשה עשר בשבט האט דער היגער בית"ר איינגעארדענט א צ יאמענפליה, אין וועלכען עס האבען זיך בעטייליגט פאלגענדע קנים: ראדאמסק, קושעפיץ, אמסטאוו, קלאבוצק, פשערוב און ברזעזשניצא.

פרייטאג פונקטליך 8 אווענד פערזאמלען זיך אלע מונדירטע אויפ'ן פלאץ פון „איראן", וואו עס פלאטערט דער בלוי-ווייסער פאהן. דעם ראפארט נעמט אן אינזש. פרידמאן, וועלכער איז ספעציעל דעלעגירט געווארען פון דער נציבות.

נאכהער עפענט דער סגן מפקד משה זעלצער די פגישה אין אייגענעם לאקאל און ער ערטיילט דאס ווארט דעם אינזש. פרידמאן, וועלכער האלט אנ'אידעאלאגישען רעפעראט א. ד. ט. די אויפגאבען פון א ביתרי.

שבת האלב 9 פריה איז פארגעקומען א מארש אין שוהל אריין. דער נאכמיטאג איז געווען געווידמעט פאר ספארט, ווי באקס, פעכטעריי א. א. 9 אווענד איז פארגעקומען א נשף חמשה עשר מיט דער בעטייליגונג פון ועד פון ברית הצה"ר. דער סגן מפקד משה זעלצער האלט דערביי א זעהר געלונגענעם רעפעראט א. ד. ט.: די בעדייטונג פון חמשה עשר. ער רעדט געגוי ארום דעם היינטיגען און אמאליגען חמשה עשר. צום סוף רופט ער די אחים-ות צו א פערשטארקונג פון דער ארבייט אויף אלע געביעטען. די אנוועזענדע ווײלען זיך זעהר גוט ביז שפעט אין דער נאכט ביי ... דענע א"י פרות.

זונטא 11 א זייגער פריה האט חבר ווארשאוער געהאלטען א רעפעראט א. ד. ט. „דיסציפלין לעגיאניזם" און דערנאך קומען פאר מיליטערישע איבונגען. נאכמיטאג האט חבר ווארשאוער אפגעהאלטען א אסיפה פון די קצינים וועלכע ער האט געגעבען אנווייזונגען צו דער ווייטערדיגער ארבייט.

9 אווענד איז אויסגעפיהרט געווארען אין זאל פון ספארט קלוב „ווארטא" דורכ'ן דראמאטישען קרייז די דראמא אין 3 אקטען „דאס צושטערטע גליק" אין וועלכער עס ווערט געשילדערט דאס חלוצישע לעבען אין א"י ווי אויך פערשידענע מזרח-טענץ, אויסגעפיהרט דורך די אחיות פון הרגא א.

1 א זייגער שליסט אינזש. פרידמאן די פגישה און ווייזט אן אויף איהר וויכטיגקייט. מיט „התקוה" און „מדן ועד באר שבע" ווערט די פגישה פערענדיגט.

ע.

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון יוד. בעקער-און צוקער-בעקער-צעך.

פערגאנגענעם מיטוואך איז אין אייגענעם לאקאל אלעע 12, פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון יודישען בעקער און צוקער-בעקער-צעך.

די פערזאמלונג עפענט דער סטארשי ה' אופנער. אלס פארזיצער ווערט געוועהלט ה' ל. פשעראווסקי, אלס בייזיצענדער ה' ד. מאנסדארף, סעק-עטאר ה. זארסקי.

דעם טעטיגקייטס און קאסע-בעריכט גיט אב מאג. זארסקי.

אין דער דיסקוסיע איבער'ן בעריכט נעמען אנטייל די ה"ה: גאלדבערג, אוויעטשקא, אופנער, שיפער, הערמאן, ווינדמאן א. א. אין רעזולטאט ווערט אויסגעדרוקט דער אלטער פערוואלטונג אבסאלוטאריום.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 1050 זל. ווערט אנגענומען.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזולטאט: סטארשי ה' אופנער, פאדסטארשעס: מ. גאלדבערג, איצעק ווינטער און ד. מאנסדארף.

אין דער פערוואלטונג: נחמן אוויעטשקע, הערמאן, זלמן ווינדמאן, קאזלאווסקי, ל. פשעראווסקי, מ. שיפער, מ. אוויעטשקע. פערטרעטער: ח. גאטיינער, רושעצקי און ח. ז. גאטיינער.

Dr. H. FALK
האלז-נאז און אויערן-קראנקהייטען
האט זיך איבערגעצויגען
11 ALEJA 37
I piętro, front, tel. 6-15
נעמט אן פון 9—11 און פון 5—7.

קליינער פעליעטאן.

צער-בעל-חיים'ניקעס.

נאכדעם, ווי די מענשהייט איז שוין פערטיג געווארען מיט די אינסטיטוציעס, וואס האבען די אויפגאבע צו בעזארגען די מענשליכע חיות אויף צוויי פיס, האבען זיי געשאפען א צער בעל-חיים ארגאניזאציע פאר פשוט'ע חיות און בהמות אויף 4 פיס.

איידער אבער מיר וועלען צוגעהן בעטראכטען די טעטיגקייט פון די צער בעל-חיים ארגאניזאציע, וועלען מיר ווארפען א קורצען איבערבליק איבער די מעשים טובים, וואס די מענשהייט האט גענאסען פון די ביז איצטיגע טעטיגקייט. דאכט זיך, אז מיר זענען נישט בעסער פון די חיות און מיר האבען אויך דאס רעכט, אז מען זאל פאר אונז זארגען...

אלזוי: די פעלקער-ליגע, איז געשאפען געווארען נאך דער מלחמה און האט די אויפגאבע צו ברענגען שלום צווישען די מענשליכע חיות. נו, דארף מען נישט זיין צופרידען. אמעהרסטען האבען דערפון גענאסען די כינעזער, ווען די יאפאנער האבען געוואלט אויף זיי אנפאלען, האט די פעלקער-ליגע נאר געשריבען איין ידידי פריוועלע צום יאפאנישען גענעראל-שטאב און דער געפלאנטער איבערפאל איז באלד אבגערופען געווארען... אזוי ארום איז טאקי די כינעזישע ראסע אבגעהיטען געווארען פון צרות.

און נישט בלויז די יאפאנער האבען זיך דערשראקען פאר די פעלקער-ליגע, נאר אלע איבריגע מלוכות זענען איהר שטארק געהארכזאם..

אויך די „ליגע" פאר מענשען רעכט טהוט פיעל אויף. זי דערלאזט נישט, אז איין מענש זאל אנפאלען אויפ'ן צווייטען. און מיר יודען האפען איהר פיעל צו פערדאנקען, ווארום א דאנק איהר דערלויבען זיך נישט די אנטיסעמיטישע סטודענטען אנצופאלען אויף זייערע יודישע קאלעגען. און דאס זעלבע איז אין רומעניען, וואו די קוזיסטען וואלטען, ווען עס זאל נישט זיין די ליגע, בעפאלען יודען און געמאכט פאגראמען. א דאנק אבער דער ליגע, איז קיין איין יוד נישט צושלאגען געווארען...

דאס וואס היטלער איז געווארען רייכס-קאנצלער איבער'ן דייטשען רייך, שטאמט אויך פון זעלבען מקור. מענשען-ליבע, מחמת דער וועלט שלום איז בעדראהט, איז געקומען היטלער און ער וועט שוין זארגען, אז עס זאל זיין שלום אויף דער וועלט און דייטשלאנד זאל צוריקקעהרען אויף איהר פוריגען מצב, כימי ווילהעלם ע"ה, און אז היטלער איז אנגעפולט מיט ריינער אמת'ער מענשען ליעבע איז דער בעסטער בעוויז זיין בעציהונג צו דער יודען-פראגע...

דאן איז אויך אויפגעטהון געווארען פאר דער גרויסער ארבייטענדע מענשהייט. אונזערע גדולי הדור, האבען נישט געקאנט צוקוקען ווי מיליאנען מענשען-קינדער ארבייטען אין די קויהלען שיכטען, אין די פאבריקען, האבען זיי אויסגעטראכט מאשינען. מאשינען, וואס געהערען נישט צום מענשען און אויך נישט צום חיות-מין. און די דאזיגע מאשינען פערטרעטען די מענשען אויף וועלכע עס איז געווען א צער בעל חיים און איצט איז אנפערגעניגען צוצוקוקען ווי אויף דער גאנצער וועלט דרעהען זיך די [illegible]אמאליגע שקלאפען ארום ליידיג און פרעהען זיך מיט גאט'ס ליכטיגע וועלט און [illegible]אטעמען איין פרישע לופט מיט'ן פולען מויל...

און די דאזיגע „גליקליכע" מענשהייט איז נישט אין קיין קליינע צאהל, אויב איהר ווילט קענט איהר האבען א גענויע צאהל, אין אמעריקא 10 מיליאן, אין ענגלאנד 8 מיליאן, אין דייטשלאנד 7 מיליאן אז"וו און זייט זיכער, אז וואס ווייטער וועלען אלץ מעהרערע מענשען ווערען בעפרייט פון די שקלאפענקייטען און ווערען „פרייע" בירגער, וואס האבען פון זיך אראבגעווארפען דעם עול פרנסה און די מאשין ארבייט שוין פאר זיי...

איז דען דאס נישט די גרעסטע לייסטונג פאר די מענשען-חיות, וועלכע האבען נעביך געמוזט שטענדיג הארעווען?

עס טרעפען זיך אבער אפשר אזעלכע מענשען, וועלכע זענען הונגעריג איז געשאפען געווארען ביליגע קוכען, וואו די מענשען בעקומען כמעט אומזיסט עסען, ווי אויך קויהלען-סקלאדעס, וואס בעזארגען די געפרוירענע מיט קויהלען. ווער שמועסט פאר די קליינע קינדער איז דאך איבערהויפט נישט וואס צו רעדען, זיי באדען זיך דאך אין שמאלץ און אין האניג...

אדרבה, קוקט אייך ארום וויפיעל קוכען און קויהלען-סקלאדעס עס זענען דא בלויז אין טשענסטאכאוו וואס בעדינען די ארימע חיות אויף צוויי פיס.

ועל כולם, אויב די מעשים טובים וואס איך האב אייך אויסגערעכענט זענען נאך צו ווייניג וועל איך אייך נאך דערמאנען וועגען א גרויסען אויפטהו, וואס אונזערע צער בעל חיימניקעס האבען ערפינדען לטובת דער מענשהייט. דאס איז בלי ספק די גיפטיגע גאזען. איז דען דאס נישט א ברכה פאר דער וועלט מיט איהרע איינוואוינער? פון א קויל האט מען יסורים, דאס זעלבע איז פון א שווערד, אפער פון גיפטיגע גאזען שטארבט מען דאך בנשיקה, דאס איז דאס זעלבע, וואס ווען מען בעטויבט א בהמה פאר דער שחיטה, כדי זי זאל נישט פיהלען די יסורים, אויב א בהמה, מכל שכן א מענש...

אונזערע ערפינדער האבען זיך נאך נישט מיט דעם אלעם בערוהיגט, זיי האלטען נאך אין איין זוכען און זיי וועלען מסתמא געפונען נאך אזעלכע ערפינדונגען, וואס זאלען דעם מענש מאכען בעקוועהמער און לייכטער דאס „דא-זיין"...

איצט, אז מען איז שוין אויסגעזארגט מיט דער מענשען-ראסע איז נישט קיין וואונדער וואס מען האט זיך גענומען בעזארגען אויך די חיות-ראסע. אין צעהנערליי אויפרופען האט מען עס אבגעדריקט און עס צושיקט בכל תפיצות פוילען, וואו מען אגיטירט, אז מען זאל זיך גוט אומגעהן מיט די היימישע חיות, מען זאל זיי נישט פייניגען, נאר צערטלען און קעכלען, ווארום עס איז דאך באמת א גרויס רחמנות צו מאטערן אונבעוואפענטע חיות.

דאס געוויסען פון אונזערע וועלט-פערזארגער איז בערוהיגט, זיי האבען באמת צוערשט פערזארגט די מענשען-ראסע מיט אלדאס גוטס און איצט פערזארגען זיי די חיות.

סיי די מענשען, ווי אויך די חיות האבען איין מזל.

ווי זאגט מיין שכן ישראל יודל, אדם ובהמה, אז אין יעדער חיה ליגט א שטיק מענש...

דעריבער איז פערשטענדליך פארוואס עס איז איצט געשאפען געווארען א פערצווייגטע וואיעוואודזקע צער-בעל-חיים ארגאניזאציע.

סמאל

טוריסטען-רייזע קיין ארץ-ישראל אויף פסח תרצ"ג

ארגאניזירט דורך דעם צענטראל-קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען.

דער צענטראל - קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען ארדענט איין א טוריסטען-רייזע קיין א"י אויף פסח לויט פאלגענדען פראגראם: ווארשא—פאריז (אויפענטהאלט 1 טאג אין פאריז, בעזוך אין שטאדט), מארסייל—אלעקסאנדריע (אויפענטהאלט 1 טאג, עווענטועלער בעזוך אין קאיראַ), יפו, צוריק—חיפה, ברינדיזי, טריעסט (עווענטועלער בעזוך אין ווענעדיג), וויען, ווארשא.

אבפאהר פון ווארשא דינסטאג דעם 21 מערץ 18.55, פון מארסייל פרייטאג דעם 24 מערץ מיט דער שיף „שאמפאלליאן", אנקום אין יפו דאנערשטאג דעם 30 מערץ, אבפאהר פון חיפה מיטוואך דעם 19 אפריל מיט דער שיף „פרינצעסין מאריא", אנקום טריעסט מאנטאג דעם 14 אפריל.

רייזע-בעדינגונגען: ווארשא—מארסייל באהן 3 קלאס, מארסייל—חיפה שיף 2 קלאס, חיפה—טריעסט שיף 3 קלאס, טריעסט—ווארשא באהן 3 קלאס פרייז 1180 זל.

ווארשא—מארסייל באהן 2 קלאס, מארסייל—חיפה שיף 2 קלאס, חיפה—טריעסט שיף 3 קלאס, טריעסט—ווארשא באהן 2 קלאס. פרייז 1300 זל.

די רייזע קומט פאר אין גרויסע עקספרעס-שיפען.

אין דעם פרייז איז שוין אריינגערעכענט: די קאסטען פון פאס, וויזעס, אויפענטהאלט אין פאריז, אלעקסאנדריע, בעקעסטיגונג אויף די שיפען, פערלאדונג און אויסלאדונג אויף שיף און באהן.

די פערזאנען, וועלכע ווילען זיך בעטייליגען אין דעם אויספלוג, דארפען זיך מעלדען שריפטליך אדער פערזענליך צו דעם צ. ק. פון דער ציוניסטישער ארג. אין פוילען:

ווארשא, פלאץ גרזיבאווסקי 7.

צוליעב טעכנישע סבות איז נישט אריין אין היינטיגען נומער דאס ארטיקעל „פארוואס מ'האט פערשוויגען" פון אונזער מיטארבייטער ה' יוסף קלארמאן, וועלכעס מיר וועלען געבען אין קינפטיגען נומער פון אונזער צייטונג.

פון בירנבוים - כאר.

די פרובען פון בירנבוים-כאר קומען פאר נארמאל און שוין בקרוב וועט פארקומען דער ערשטער קאנצערט.

די וואך איז פארגעקומען א פרובע פאר פעריבעטענע געסט און מוזיק-קענער און אלע זענען געווען ענטציקט פון דער גרויסער דערגרייכונג און הערליכע מוזיקאלישע אויסבילדונג פון יונגען כאר, וועלכער פערמאגט אבער ערשטקלאסיגע כחות.

דער דיריגענט ה' לעוויקאוויטש שטרעבט מיט אלע כחות, אז דער ערשטער קאנצערט זאל ארויס ווי אמגעלונגסטען און עס איז זיכער, אז מיר וועלען פון זיי גרויס נחת האבען.

א „פייף" אין „ווארטא".

זונטאג, דעם 19 ד. ח. 5 נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל פון ספארט קלוב „ווארטא" א פייף-א-קלאק. צו די טענץ שפילט דער ערשטקלאסיגער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' שמולעוויטש.

רינג-קייט לטובת „קרן העליה".

דיר. זיגמאן 25 זל.

דיר. מארקאוויטש 10 זל.

ה. א. ליבראוויטש 2 זל. און רופט יוסף שווארצבוים, יאבימאוויטש.

מרים לאסקער 2 זל. און רופט חיה מאנדעל, דוד זילבערבערג, ראובן בוים, זיסמאן בלום, אנשיל זלאטניק.

גוטא גערשאגאוויטש 2 זל. און רופט ווראנקא פרעגער, יאקוב האפמאן.

ל. קאפינסקי 2 זל. רופט וו. שפיגעלמאן, ע. טויבענבלאט, לאסאצקי.

נ. זלאטניק 1 זל. רופט גוטא לאנדא, געניא פיכטענצווייג, מאטעק ווייסבערג, סט. ראטשטיין, מ. בערקאוויטש, עדזיא וויגאדזקא.

ר. דראזדשיק ענטפערט 1 זל. רופט ארויס מינא האפטקא, אסתר ליבראוויטש, העלא ראזענצווייג, שמעון עפשטיין, מארישא זיסער.

חיה'לע גראבער.

עס גענוגט בלויז אויפצושרייבען דעם נאמען פון דער ארטיסטין, אז מען זאל שוין האבען דעם בעגריף אז דאס וועט זיין אנ'אויפטריט פון ערשטקלאסיגער בעדייטונג, ווייל חיה'לע גראבער איז אונפערגלייכליך אין איהר זשאנר.

די ארטיסטין שפיעלט נישט, נאר טהוט אנ'עבודה, ווייל יעדער נומער, וואס זי טראגט פאר איז אדורכגעטראכט, אויסשטודירט און דערגרייכט ביז'ן לעצטען ניואנס, ביז'ן לעצטען פינטעלע עד דכדוכה של נפש.

יעדעס ווארט וואס געהט ארויס פון איהר מויל בעקומט א תיקון, ווערט בעהויכט מיט פלייש און בלוט און הויבט אן לעבען.

אומעטום וואו חנה'לע גראבער איז אויפגעטרעטען איז געווען יום-טוב און אלע צושויער זענען בעגייסטערט פון דעם נייעם טאן. וואס זי האט אריינגעבראכט אין יודישען טעאטער-לעבען.

זי איז צוגעגאנגען צום פאלקס-ליעד מיט טיעפער און אויפריכטיגסטער אכטונג. יעדעס ליעד ווערט ביי איהר פערוואנדעלט אין א טעאטער - שטיק און גלייכצייטיג בלייבט עס פאלקסטימליך, זאפטיג און הארציג.

עס איז שווער צו געפונען ביי אונז א צווייטען ביישפיעל, אז א קינסטלערין זאל ווערען אזוי גיך פאלקסטימליך פאפולער ווי עס איז דער פאל מיט חיה'לע גראבער.

דער אויפטריט קומט פאר מאנטאג אין קאמעראל-טעאטער.

„דער וועג צו א יודישער מלוכה".

אויף דער דאזיגער טעמא קומט פאר א רעפעראט פון פאפולערען ציוניסטישען עסקן ה' יוסף קלארמאן. דער רעפעראט וועט זיין בעזונדערס אינטערעסאנט צוליעב די אקטועלע פראבלעמען פון עבר-הירדן.

א דאנסינג אין זש. ט. ג. ס.

זונטאג, דעם 19 ד. ח. פון 7 ביז 12 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון יודישען טורן און ספארט-פעראיין (אגראדאווא 8) א דאנסינג אויף וועלכען די פערוואלטונג לאדענט איין אלע מיטגלידער און סימפאטיקער.

פון 1 מערץ ווערען געעפענט נייע קורסען פון ענגליש, פראנצויזיש, דייטש אונטער דער לייטונג פון פראפ. לעאן וויינשטאק, אבסאלווענט פון פאריזער אוניווערזיטעט.

פון „פועלי אגודת ישראל".

די יודישע רעליגיעזע ארבייטס-פארטיי „פועלי אגודת ישראל" האט זיך אריבערגעטראגען אין א נייעם ג'ויסען לאקאל אין דער 1-ער אלעע 8 (פראנק'ס חדר) יעדען טאג איז טעטיג א לעזע זאל, א שאך-קלוב און 2 מאל וועכענטליך.

די פערוואלטונג פון אקאדעמיקער-קרייז.

איז מודיע, אז שבת, דעם 19 ד. ח. 8 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל אלעע 20 די פארטזעצונג פון רעפעראט „די נייע וועלט פון פיזיק".

דאס בלומען-געשעפט וו. ווישינסקי, אלעע 38, פערדינט אויף דער פולער אונטערשטיצונג פון דער יודישער געזעלשאפט, נעמענדיג אין אכט, אז ה' ווישינסקי איז איינער פון די ערשטע שילער פון דער גערטנער-פערמע און האט אויך א לענגערע צייט אנגעפיהרט מיט די למודים אין דער גערטנער-פערמע מיט די חלוצים.

ה' ווישינסקי איז א גרויסער ספעציאליסט אויף זיין געביעט און דאס איז דאס איינציגע יודישע געשעפט אין אונזער שטאדט אויף דעם געביעט.

אינ'ם דערמאנטען געשעפט זענען צו בעקומען אלערליי בלומען, בוקעטען, דאניטשקעס און פערשידענע דעקאראציעס, וואס ווערען אויסגעפיהרט ארטיסטיש און עסטעטיש. אויך בעקומט מען אלערליי גרינצייג.

דער ערשטער אויפטריט פון דראמאטישען קרייז ביים בית"ר.

זונטאג, דעם 12 ד. ח. איז אין זאל „ווארטא" פארגעקומען דער ערשטער אויפטריט פון דראמאטישען קרייז ביים בית"ר וועלכעס האט צוגעצויגען זעהר א גרויסען פובליקום. עס זענען אויסגעפיהרט געווארען 1) א דראמע פון ארץ-ישראל לעבען „דאס צושטערטע גליק" אין 4 בילדער, 2) „די דריי אגענטען" פון טונקעלען, 3) „העמעריל קלאפ" פון רייזין און עטליכע באלעטען. די אנטיילנעמער פון קרייז האבען זעהר גוט אויסגענומען ביים פובליקום.

בעזונדערס האבען זיך אויסגעצייכענט אין זייערע ראלען צבי קאנטאר אין דער ראל פון איבראהים אגיטאטאר, ערליך אלס קאלאניסט, זשולטאק אין דער ראל פון פסח און מרים לענקינסקא אין דער ראל פון שולמית. אויב דאס „צושטערטע גליק" האט געריהרט דאס פובליקום ביז טרערען האט אבער דער צווייטער נומער „די דריי אגענטען" אריינגעברענגט גרויס הייטערקייט אין זאל, אז דאס געלעכטער איז דערגאנגען ביז טרעהרען אין דערמאהנטען נומער האט זיך אויסגעצייכענט אין דער ראל פון מנחם מענדיל דער אח ל. לוקסענבערג, וועלכער האט אויסגעפיהרט זיין ראל מיט זעהר פיעל הומאריסטיק.

אין אלגעמיין איז דאס פובליקום געווען זעהר צופרידען.

אין קורצען קומט פאר דער צווייטער אויפטריט פון דראמאטישען קרייז מיט נאך א גרעסערן און שענערן רעפערטואר.

Od 1 marca
nowe kursy
angielskiego
francuskiego
niemieckiego
Kancelarja (aleja № 20, szkoła)
czynna codziennie od 16 do 19
OPŁATA od 10 zł. miesięcznie
Kierownik kursów
LEON WAJNSZTOK
abs Uniw. Parysk.

פון ספארט

פון נעץ-באל טורניר י. ט. ס. פ. — „בריגאדא".

פערגאנגענעם שבת איז ביי א צאהלרייך פערזאמעלטען פובליקום אין זאל פון י. ט. ס. פ. פארגעקומען א נעץ-באל טורניר צווישען ספארט-קלוב „בריגאדא" און יודישען טורן-און ספארט-פעראיין. דער פראגראם האט פארגעזעהן 6 מיקס דעבל (געמישטע צווייער שפילען). צוליב דעם אבער וואס די „בריגאדא" האט נישט צוגעשטעלט דעם זעכסטען דעבל איז געווארען געשפילט א מינער דעבל.

די רעזולטאטען זענען פאלגענדע:

פרל. גירענבערג, רייך בעזיגען נאך א שעהנעם קאמף פרל. זאדראס, שמעלטשינסקי 16:30; פר. דר. פראנקע, ליסעק געווינען נאך א אינטערעסאנטען פערלויף צו פרל. דיאמענט, קופערשמיד 14:30; פרל. זאניעווסקא, שיקארסקי — פרל. טשארנא, קויפמאן 25:28. דער קאמף איז געווען זעהר עמאציאנירענד; פרל. שלעזינגער, יאשינסקי שפילען א נערוועז, דאך בעזיגען זיי פרוי דיר. בארנערט, קאסס 15:30; דאס בעסטע „בריגאדא"-פאר פרל. פלוטשיק, שימקאוויאק טרעפען אויף א גרויסען ווידערשטאנד פון פרל. טריימאן, גוטמאן, וועלכע געווינען די ערשטע העלפט 5:15, די צווייטע העלפט געווינען פרל פלוטשיק, שימקאוויאק 6:15, צוליב וואס עס קומט פאר א צושפיל, וועלכע פערענדיגט זיך נאך א זעהר שפאנענדען פערלויף מיט דעם רעזולטאט 24:26 פאר פרל. פלוטשיק, שימקאוויאק; דאס זעהר שענע שפיל צווישען שימקאוויאק, שמעלטשינסקי — רייך, קיפמאן האט געגעבען דעם רעזולטאט 19:30.

אין אלגעמיין איז דער טורניר געשטאנען אויף א הויכע שטופע און געגעבען דעם פובליקום דאס מאקסימום פון צופרידענהיים.

שוין צו פערדינגען
א פאבריקס-לאקאל מיט סקלאדעס, אויך 2 שטובען מיט א קוך.
אפערטען אין רעד. „טשענסט. צייטונג".

טעלעגראם! ראטעוועט אייער געזונד!
אהן בלוט און אהן מעסער! היט אייך פאר פערקריפלונג!
קומט עס זאל נישט זיין צו שפעט!

ליידענדע אויף פערשידענע נעברעכליכקייטען און קערפער-פערקריפונגען-רעטונג, הילף, רפואה פאר ברוך-קראנקע מענער, פרויען און קינדער — פערנאכלעסיגט אייך נישט, ווייל דער ברוך ווערט גרויס ווי א מענשען קאפ און ווי א וואסער-קען און קאן זיין לעבענס-געפעהרליך אין בראנדיג ווערען. איך נעם אויף ליידענדע: 1) בראכען, בויכבריכען, נעבערס-מוטער-ברוכען און הענגע-ברוכען, 2) פערקרימטע פלייצעס (הויקערס,) לעהמונגען, אלערליי פוס-פערקריפלונגען, פאר פרויען מיט געשוואלענע פוס—גומענע זאקען, פאר פעט-לייביגע ספעציעלע גומענע באנדאזשען, וואס מאגער די פיגור. דער קראנקער ווערט געהאלפען מיט ספעציעלע גומענע הייל-באנדאזשען און פ-אנצוויזישע מאמאושען, פאר פערקרומטע פלייצעס—נארסעטען און ארטאפעדישע אפאראטען ווי אויך גימנאסטיק.

אויב איהר ווילט אייערע יאהרען אויסלעבען אהן אפעראציעס, ווענדעט אייך צו דער אויסלענדישער ספעציאליסטין, וועלכע בעזיצט א 20-יעהריגע פראקטיק און איז געקומען נאך טשענסטאכאוו און בלייבט נאך אויפ'ן פערלאנג פון טשענסטאכאווער פובליקום און פון דער פראווינץ אויף א לענגערען אייפענטהאלט

און נעמט אן

א גאנצען טאג אין האטעל קאליסקי, פילסודסקי 1, צימער 8.

דיר. ראפאפארט.

בעמערקונג: צוליעב דער זעהר שווערער צייט זעהר בילינע פרייזען

דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען:
פראפ. ד"ר באראנטש, פראפ. ד"ר י. מארישלער, פראפ. ד"ר בר. קאנאחבקי און אויך אנדערע.

ראטעוועט דאס געזונד

די בערימטעסטע ערצטליכע וועלט - פערזענליכקייטען האבען פעסטגעשטעלט, אז 5 פראצ. קראנקהייטן ענטשטעהען צוליב אבסטרוקציע.

א קראנקער מאגען איז די הויפט-סיבה פון ענטשטעהען פון פערש. קראנקהייטען, פערגיפטעט דאס בלוט און שאפט א שלעכטע שטאף-וועקסלונג.

די בעריהמטע זייט 50 יאהר אין דער גאנצער וועלט

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera ווי דאס האבען בעשטעטיגט די פראפ. פון בערלינער אוניווערזיטעט ד"ר מארטין, ד"ר האכפלעטער און א סך אנד. בעדייטענדע דאקטוירים, זענען אנ'אידעאל מיטעל געזונד צו מאכען דעם מאגען; בעזייטיגען די אבסטרוקציע (פערהארטונג), איז א גוט ריינינגונגס-מיטעל, פערלייכטערן די פונקציעס פון די פערדייאונגס-ארגאנען, פערשטארקן דעם ארגאניזם און דערוועקן דעם אפעטיט.

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera בעזייטיגען די ליידען פון די לעבער, נירען, גאל-שטיינער, העמאריד-ליידען, רעומאטיזם און ארטרעטיזם, קאפ וועהטאג, אויסשיטען און לישאיען.

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera זענען געווארען בעשאנקען אויף די ע-צטליכע אויסשטעלונגען מיט די העכסטע אויסצייכענונגען און גאלדענע מעדאלען אין באדען, בערלין, וויען, פאריז, לאנדאן און אין אנדערע שטעט. ד"ר לאוער האט בעקומען טויזענדער דאנקזאגונגען פון אויסקורירטע. פרייז פון א האלב פאקעטעלע 1.50 זל., א גאנצע פעקעלע פאקעטעל 2.50 זל. — פערקויף אין אפטייקען און סקלאד-אפטעקעס.

Szkoła tańców
baletm. K. KOSTECKIEGO
w lokalu powiększonym
ul Waszyngtona 6. daw. Jasna.
Zapisy na kursy i lekcje oddzielne codz. od 10-ej rano do 9-ej wiecz.
שבת 18 ד. ח. 8 אוונד פראקטישע לעקציע
פאר יודישער געזעלשאפט און אויך יעדען שבת,
אויך דינסטאג, דאנערשטאג און זונטאג אווענד.
צוגענגליכע פרייזען.



„Grand-Kino"
קאשטשושקי גאס.
לעצטער סעאנס 9.40 אוו.

Teatr „ODEON"
אלעע 27.
לעצטער סעאנס 10 אוונט.

ערשטער [illegible]
קלאנג-קינא
Nowości
לעצטער סעאנס 9.30 אוונט.

היינט און די ווייטער טעג.

גרויסער דאפעלטער פראגראם. קונסטווערק פון עריק פאממער.
ZWYCIĘZCA (Hotel Atlantic)
מיט זשאן מורא און קעט נאגי.
WŁÓCZĘGA
מיט לירענס טיבעט.
אויסער דעם: פאט-קראניק.

א פילם פון דער וועלט-מלחמה, וועלכער האט געמאכט א שטארקן איינדרוק אין אייראפע
CZŁOWIEK BEZ NAZWISKA
אין דער הויפט-ראל דער גרעסטער פראנצויזישער טראגיקער פירמען זשעניע.
איבערן פראגראם קלאנג-וואך פון דער „אופא" און „וואלט-סימפאניס".

דאס מעכטיגסטע קונסטווערק.
WYSPA TAJEMNIC
אויסער דעם די פרעהליכע קאמעדיע
KOHN i KELLY w PARYŻU.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier — Druk. B. Bocian, Aleja 6